בס"ד. שיחת יו"ד שבט תשכ"ה. <u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. די התועדות איז דאך פארבונדן מיט דעם יום ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס בכלל איז דאך - ווי ערקלערט אין מערערע ערטער אין חסידות - ביום ההילולא וההסתלקות, איז דעמולט כל "עמל שעמלה נפשו - דאס איך וואס ער איז געלעגן, און דאס איז געווען זיין עיקר לעבן - בחייו" עלי אדמות - אין דעם לעבן ווען די נשמה איז געווען דא בגוף למטה - איז אין דעם טאג פון הסתלקות [און אזוי אויך מדי שנה בשנה, אז עס קערט זיך אום דער טאג - "לתקופת השנה" (ל' הכתוב דה"י ב, כד, כג), וואס דעמולט איז דאס א מעין, נאך מער ווי א מעין, ווי ס'איז געווען דעם ערשטן מאל] איז דער גאנצער עמל שעמלה נפשו, עולה למעלה, אבער דאס איז אין אן אופן אז דאס שטייט בגלוי דא למטה (אגה"ק סי' כח).

וואס דערפאר איז דאך ווי געבראכט דעם ערשטן מאל בנוגע צו א יום הילולא, בנוגע צו ר' שמעון בן יוחאי, אז וואס האט מען דעמולט געזעהן, אז איך וואס איז באשטאנען זיין ענין - "בחד קטירא אתקטרנא" (ראה זח"ג רפח, א), וואס ער איז געשטאנען אין א קישור און א התחברות און א יחוד מיט אלקות - מיט דעם אויבערשטן - דאס איז געווען בא עם דעמולט אזוי בגלוי, ביז וואנעט אז אלע האבן דאס געזעהן, און האבן דאס אויך געהערט בדיבור, ווי ער דערציילט אין זהר (ח"ג רצ"ו, ב), אז ער האט דעמולט מסיים געווען מיט דעםווארט "חיים".

וואס עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בא אידן בכלל, און בא צדיקים בפרט, און וואס מער צדיק - שטייט דאס אלץ מער בגלוי, ווארום אע"פ וואס אויף <u>יעדער</u> אידן זאגט מען דאך "ועמך כלם צדיקים" (ישעי' ס, כא. וראה משנה סנהדרין ר"פ חלק), איז דערפון פארשטאנדיק אז דאס איז אזוי בא יעדער אידן, אין מדריגה צדיק שבהם - דאס וואס ער איז א צדיק מצד <u>פנימיות</u> נפשו, נאר דאס שטייט בא עם בכח הקרוב לפועל, ער קאן דאס אלע מאל מגלה זיין, ביז אין מחדו"מ, אויב נאר ער זאל וועלן מיט א אמת, אזוי איז אויך דאס וואס אין יום ההסתלקות שלו שטייט דער ענין אין א אופן ווי עס שטייט מדריגת צדיק שבו.

אבער דער וואס בא עם איז דער ענין הצדיק שבו <u>בגלוי</u>, איז אזוי אויך אין יום הסתלקותו, ועד"ז ביום ההילולא, שטייט דאס אויך בגלוי, אזוי ווי די מדריגת צדיק שבו איז געשטאנען בגלוי.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז בא נשיאי חב"ד, וואס זייער ענין איז דאך געווען צו ארויסגעבן בגלוי רזי תורה, דאס איז געווען עיקר עניינם עלי אדמות, אראפברייינגען דאס ביז אין א אופן אז דאס זאל צוקומען אין "חוצה", דריקט זיך דאס אויך אויס אין ענין פון חסידות, וואס איז ארויסגעגעבן אין אותיות וואס איז פארשטאנדיק אפילו צו איינעם וואס ער געפינט זיך "חוצה". און וויבאלד אז עס רעדט זיך וועגן א נשיא, איז פארשטאנדיק אז דאס דארף נתפשט ווערן אין דעם זעלבן טאג אויך צו די אלע וואס האבן צו עם א שייכות, און אויב ער איז דער נשיא <u>הדור</u> - לכל <u>הדור כולו</u>.

וואס דאס איז וואס מ'געפינט אז דער מאמר חסידות, וואס דער רבי דער בעל ההילולא האט ארויסגעגעבן מ'זאל לערנען עשירי בשבט תש"י, [וואס דעמולט איז געווען דער יום ההסתלקות שלו], הייבט זיך אן דער מאמר ווי אזוי דער ענין פון א צדיק איז - ממשיך צו זיין דעם באתי לגני (שה"ש ה, א) - לגנוני למקום שהי' עיקרי בתחילה (שהש"ר שם, וש"נ), אויף ממשיך זיין אלקות דא למטה, און ער פארבינדט דאס

גלייך מיט דעם ענין ווי מ'איז דאס ממשיך אין ג"ע; און איז מסיים דעם מאמר בדיינגענדיק דעם מדרש (דב"ר פ"ט, ג) - וואס געווים האבן אלע דערצו משים לב געווען (אפשר נאך יענעם שבת פון יום הילולא, עאכו"כ אין די שנים שלאחרי זה) אז דער סיום פון דעם מאמר איז, אז דער מדרש זאגט - אז אזוי ווי א מענטש ווייס נישט ווען עס וועט קומען יום פקודתו דארף ער וויסן און האלטן זיין חשבון ווי עס דארף צו זיין, אין דעם טאג אין וועלכן ער טראכט זיך אריין אין דעם. וואס דאס איז דער סיום וחותם המאמר וואס ער האט געגעבן צו לערנען ברבים ובתפוצות ביז אין חוצה, אין דעם טאג ווען ס'איז געווען יום פקודתו, אויף אריבערגיין אין א העכערן אופן - עומד ומשמש (ראה סוטה יג, ב) במרום.

וואס דערפאר איז אויך דער מאמר כולל כל מהלך חיי האדם עלי אדמות, וואס דארט רעדט זיך ניט וועגן א באשטימטע תקופה פון א אידישן לעבן, נאר עס הויבט זיך אן פון ירידת הנשמה מלמעלה, און דאס איז דאך דער ערשטער רגע פון א אידישן לעבן, און ענדיקט זיך מיט דער צייט, ווען די נשמה גייט צוריק אין ג"ע, וואס ג"ע איז דאך ווי חסידות טייטשט אפ (ראה לקו"ת צו טו, ג. שבת שובה סה, סע"ד. דרמ"צ יד, ב) (ניט דער ענין פון עוה"ב, נאר דאס איז) דער שכר העבודה פון דער צייט וואס די נשמה געפינט זיך בגוף.

[בנוגע צו ג"ע, איז אין דעם ניטא קיין פלוגתא, הכל מודים אז דאס איז ענינו של ג"ע, די פלוגתא איז מערניט בנוגע צו עוה"ב].

איז גלייך פון התחלת המאמר ביז צו סיום המאמר, נעמט דער מאמר ארום די גאנצע תקופה פון חיי האדם עלי אדמות, פון די ערשטע רגע ביז די רגע פון יום פקודתו.

און ער זאגט דארט אויך אז דער תכלית איז, אז ניט נאר מ'זאל מאכן א דירה לו ית' בתחתונים פאר ממכ"ע, ד.ה. ווי אלקות שטייט בהגבלה ובמדידה, (וואס דאס איז דאך אויך אין כח פון דעם אויבערשטן וואס ער קאן זיך מגביל זיין), אז מ'זאל זעהן עניני אלקות אין א אופן פון מדידה והגבלה,

וואס דאס איז דאך די כללות'דיקע הוראה, אז "אין סומכין על הנס" (זח"א קיא, ב), "וברכך הוי' אלקיך בכל אשר תעשה" (דברים טו, יח), עס דארף זיין א עשי' אין דרך הטבע, און ווי ער זאגט גלייך אין אנהייבס מאמר אז דאס וואס מ'דארף האבן "אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין", איז מיינט ניט "אסתלק", עס זאל באהאלטן ווערן, מ'מיינט אז ס'זאל שטיין דא למטה, אין א העכערן אופן ווי עס איז געשטאנען פריער, און וואס מיינט "יקרא דקוב"ה" - טייטשט ער גלייך אפ, אז דאס איז דער אור הסוכ"ע בשוה, ווי אלקות שטייט העכער פון אלעדליי באגרענע-צונגען, אפילו די באגרענעצונגען וואס תורה לייגט ארויף.

און ער איז ממשיך: אז ווי אזוי מאכט מען א דירה לו ית' וואס דאס איז דאך דער ענין פון "באתי לגני - לגנוני", וואס דער פירוש הפשוט "ושכנתי בתוכם", מיינט "ושכנתי" אין דעם משכן, וואס דערנאך ווערט דאס נתפשט אין דער גאנצער וועלט; קומט אבער תושבע"פ [און רבותינו זיינען מדייק] אז "בתוכו לא נאמר אלא בתוכם - בתוך כל אחד ואחד", אז ווי אזוי מאכט מען פון דער וועלט א דירה לו ית', און ווי ער זאגט אין מאמר, אז וועגן וואס פאר א דירה רעדט ער, אזא וואס דארט זאל שטיין אלקות בגלוי העכער פון מדידה והגבלה - ווערט דאס דורך דעם, אז דאס ווערט דורך געטאן בכל אחד ואחד, אז מ'בויט

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אויף דעם משכן ומקדש בא זיך אין דעם אייגענעם לעבן, בנפשו פנימה, ביז אז דאס נעמט דורך דעם גוף.

וואס דערפון איז דאך אויך פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז דער בעל ההילולא ערקלערט אין דעם מאמר צו יום ההסתלקות שלו, אז די כוונה איז אז דער "ושכנתי" זאל זיין ווי אלקות איז העכער פון מדידה והגבלה, איז דאס פארבונדן מיט דעם המשך המאמר אז "בתוכם" - אין עבודת האדם זאל אויך זיין די עבודה ניט אין א אופן פון מדידה והגבלה, אז ער מעסט זיך אפ וויפל ער דארף לערנען און וויפל ער קאן געבן אויף צדקה, און ווייטער האט דער ענין צו עם קיין שייכות ניט, נאר אדרבה דער סדר איז א היפך׳דיקער: עניננו איז אלקות און תומ"צ, און דאס וואס עס בלייבט דערפון נעמט ער על כל שאר צרכיו,

און מ׳זאל זיך ניט שרעקן: ווי אזוי קאן ער היינט פון זיך פאר-לאנגען אזא מין עבודה, בשעת ידע אינש בנפשי׳ אז נעכטן האט ער געטאן ענינים וואס זיינען פונקט דער היפך דערפון, דערציילט ער גלייך אין אנהייבם מאמר אז עס איז געווען פריער די שכינה בתחתונים, דערנאך איז מענטשן ע"י חטאים ועוונות האבן אפגעטאן דעם היפך פון שכינה בתחתונים, און פונדעסטוועגן האט מען דערנאך ממשיך געווען און מבטל געווען די ענינים בלתי רצוים וואס האבן זיך אפגעטאן ע"י החטא, וואס דאס איז ווי ער זאגט דעם לשון המדרש אז מ׳האט מסלק געווען די שכינה מארץ לרקיע ביז רקיע השביעי, און ע"י משה רבינו, וואס כל השביעין חביבין (ויקרא רבא פכ"ט, יא), האט מען ממשיך געווען די שכינה צוריק בתחתונים, דורכ׳ן משכן אין דער גאנצער וועלט, און דערנאך איז דאך "אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא" (זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. ועוד), ווי ער טייטשט אפ אין תקו"ז (שם) אז דאס מיינט מען ניט יחידי סגולה, נאר דאס איז ווי ער זאגט דעם לשון "עד שתיך רבוא", וואס דאס מיינט מען יעדער אידן וואס געפינט זיך אין דעם דור (ראה שם ובזהר שם), וואס נשמות פרטיות איז דא מערניט ווי ששים רבוא און די אנדערע זיינען מערניט ווי ענפים זייערע, איז אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, טייטשט ער אפ אין תקו"ז אז דאס געפינט זיך בא יעדער אידן.

וואס במילא איז אויך פארשטאנדיק אז ווי ער איז געווען נעכטן, אפילו אז עס ווייזט זיך אויס אז עס איז געווען דער ענין פון חטא וואס איז מסלק השכינה מלמטלמ"ע, האט ער דעם כח דורך דעם משה שבנפשו, וואס דאס איז דא בכל דרא ודרא ובכל אחד ואחד, ממשיך צו זיין דעם ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד, און דורך דערוף ממשיך זיין דאס דער-נאך בכל העולם, אויב ער וועט זיך נאר אוועקשטעלן אין דעם אופן העבודה ווי ער זאגט אין מאמר - אין שטות דקדושה, העכער פון מדידה והגבלה, און דעמולט וועט ער משכין זיין שכינתו ית׳ בתחתונים, און אויך בא זיך, וואס דעמולט איז דאך "באור פני מלך חיים", אז עס ווערט נמשך חיים רוחניים, און חיים גשמיים ביז אין בני חיי ומזוני רויחי למטה מעשרה טפחים.

ב. בא מיר בפרט איז דאך איצטער ניט פאר קיינעם געדאכט דער מצב וואס איך דארף דאך אנקומען צו א סיום מסכת. מילא וועט מען מסיים זיין א מסכת, וואס איז אויך מסיים מיט א ענין פון נחמה, וואס דאס איז מסכת מכות, אדער ווי מ׳רופט איר בלשון העולם מלקות,

איז די מסכת מסיים מיט צוויי סיפורים בנוגע צו ר"ג וראב"ע ור"י

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ור"ע, וואס זיינען געגיינגען צוזאמען, און די גמ´ דערציילט פריער, וואס עס איז געווען ווען "הי´ מהלכין בדרך", און דערנאך איז ער מסיים אז "שוב פעם אחת", אז א צווייטן מאל - נאך אמאל - זיינען זיי אלע פיר געגיינגען קיין ירושלים, "כיון שהגיעו להר הצופים" - ווען זיי זיינען געקומען צו דעם בארג צופים, פון וואנעט מ´זעט ירושלים, "קרעו בגדיהם", ווי די מצוה איז בשעת מ´זעט ירושלים, [וואדום זיי זיינען שוין געווען בזמן החורבן, האט מען מקיים געווען דעם ענין פון קריעה],

דערנאך אז "הגיעו" נאך ווייטער "להר הבית", האבן זיי דערזעהן "שועל שיצא מבית קדשי הקדשים", אז אין דעם ארט וואו ס´איז געווען פריער געבויעט דער קדה"ק איז ארויסגעלאפן א שועל - א פוקס, "התחילו הן בוכין" ר"ג, ראב"ע ור"י האבן אנגעהויבן וויינען, ור"ע "משחק" - האט אנגעהויבן קווועלן, האבן זיי געפרעגט בא ר"ע´ן וואס קווועלט ער אן, האט ער זיי געענטפערט - ווי ס´פירט זיך בא אידן מיט א שאלה אויף א שאלה - "מפני מה אתם בוכים" - פארוואס וויינט איר, האבן זיי עם געזאגט: "מקום שכתוב בו והזר הקרוב יומת ועכשיו שועלים הלכו בו", אויף דעם ארט אויף וועלכן א איד - אויב נאר א זר - האט ניט געטארט אריינגיין, און דער איסור איז אין דעם הארבסטן ענין - "יומת", איז אין דעם ארט שועלים הלכו בו [און דאס איז דער לשון "הלכו (הה"א - בחיריק) בו" אז דאס איז ניט א ענין של אקראי, נאר א ענין פון א רגילות, עס איז דארטן געווארן א געוווינהייט אז שועלים הלכו בו].

האט זיי ר"ע געענטפערט אז דערפון גופא קווועלט ער אן, און האט מבאר געווען, אז אזוי ווי ישעי´ זאגט ואעידה לי עדים נאמנים את אורי´ הכהן ואת זכרי´ בן ברכי´ וואס ר"ע פרעגט גלייך די קשיא וואס פאר א קלעפ האט אורי´ און זכרי´, אורי´ איז געווען במקדש ראשון און זכרי´ איז געווען במקדש שני, נאר דאס מיינט אז ישעי´ האט געזאגט אז די עדות וועט זיין א עדות נאמנה בשעת נבואת אורי´ איז פארבונדן מיט נבואת זכרי´.

און איז גלייך מבאר אז נבואת אורי´ איז אז "לכן בגללכם ציון שדה תחרש" - דער ענין פון דעם חורבן, די נבואה פון זכרי´ איז באשטאנען אז "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים", און האט מסיים געווען אז דערפון קווועלט ער אן: אויב ער וואלט ניט געזעהן דעם חורבן הבית, וואלט ער ניט געוואוסט צי עס וועט מקוים ווערן נבואת זכרי´ פון "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים"; אבער בשעת ער זעהט וואס עס טוט זיך מיט מקום קדש הקדשים, אז עס איז מקוים געווארן נבואת אורי´, איז א זיכערע זאך אז עס וועט מקוים ווערן די נבואה פון זכרי´ אז "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים".

און די גמרא איז מסיים "בלשון זה אמרו לו: עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו". און דערמיט ענדיקט זיך די מסכת.

ולכאו´ איז דער גאנצער סיפור אינגאנצן ניט פארשטאנדיק:

א) גלויבן אין ביאת המשיח איז איינער פון די שלש עשרה עיקרים, איז ווי קאן דאס זיין אז ר"ע דארף האבן א ראי´, אז עס וועט קומען די גאולה פון דעם וואס עס איז מקויים געווארן נבואת אורי´ הכהן "ציון שדה תחרש", ס´איז דאך מעיקרי האמונה?

ב) פארוואס פארט ישעי´ צוזאמען אורי´ און זכרי´, ד.ה. פארוואס דארף ער ברענגען פון זכרי´ א ענין אויף נבואת הגאולה? ישעי´ אליין האט מנבא געווען אויף דעם ענין הגאולה, איז דארף מען ניט אנכאפן



הנחת הת´ בלתי מוגה

נבואת זכרי'? אפילו ירמי' וואס ער ווערט דאך אזוי אנגערופן – ווי ס'שטייט אין ספרים (ראה קהלת רבה בתחילתו) – פון לשון מר, דערפאר וואס נבואתו איז געווען בעיקר אין ענינים מרים, היפך הגאולה (ראה ב"ב יד, ב), איז אפילו פון ירמי' איז אויך דא נבואות פון גאולה. איז צוליב וואס דארף מען אנכאפן דוקא זכרי' – וואס ער איז געווען בבית שני – און פארבינדן דאס מיט אורי' וואס ער האט מנבא געווען אין בית ראשון גופא מיט א סאך יארן פריער אויפ'ן חורבן,

ג) בשעת מ'איז געקומען להר הצופים וואס דעמולט האט מען געזעהן ירושלים בחורבנה וקרעו בגדיהם האט ר"ע אויך אזוי געטאן, היינט פאר-וואס פרעגט ער "מפני מה אתם בוכין", ער קאן דאך פרעגן בא זיך אליין פארוואס האט ער קורע געווען? איז מה-דאך ער האט קורע געווען אויף דעם ענין וואס ער זעהט ירושלים בכללותה בחורבנה, עאכו"כ אז בשעת מ'זעהט מקום קדה"ק אז ער איז חרב דארף דאך זיכער זיין א ענין של בכי', איז וואס פרעגט ער בא זיי "מפני מה אתם בוכי'ן", ווען ער אליין שטייט בשעת מעשה און בגדו קרוע, וואס קריעה איז דאך א סימן פון היפך פון שמחה און פון בכי'?

ד) אע"פ אז תושבע"פ איז לכאורה ניט אזוי בדיוק בתיבות ומלות ווי תושב"כ, אבער פונדעסטוועגן איז דאך אפילו אין תושבע"פ לערנט מען אפ כמה הלכות למעשה פון א איבעריקן ווארט, ביז אפילו פון א דיוק פון א איבעריקן אות.

דארף מען פארשטיין: וואס איז דא דער דיוק פון "עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו" צוויי מאל? און בפרט אז מ'איז נאך מדייק אז מ'זאל וויסן זיין אז "בלשון הזה אמרו לו", וואס דאס געפינט מען זייער זעלטן אין ש"ס אז מ'זאגט כך וכך, און דא איז מען לכתחלה מדייק – קוקט זיך איין אין וואס פאר א לשון מ'האט געענטפערט,

בריינגט אראפ דער מהרש"א (מכות שם) אז ענינים פון נחמות דארפן שטיין בכפל, וואס דאס איז דאך "נחמו נחמו עמי" (ישעי' מ, א), ווי ער זאגט אין מדרש (ילקוט ישעי' רמז תמה) אז די נחמה איז בכפלים, און דאס איז בדיוק בכפלים, דערפאר וואס דאס דארף אראפנעמען דעם "חטא חטאה", וואס חטאה בכפלים ולקתה בכפלים, דארף זיין אויך די נחמה בכפלים.

ס'איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק וואס דארף מען זאגן צוויי מאל "עקיבא"?

די קשיא ווערט נאך שטארקער: מ'געפינט דעם זעלבן לשון בנוגע צו ר' יהושע ור"ע אין גמ' ר"ה (כה, א), וואס דארטן דערציילט מען אז ווען ר"ג האט מקדש געווען את החודש, וואס בא ר"י איז אויסגע-קומען אז דער חשבון שטימט ניט, און ר"ג איז געווען דער נשיא און דער ראש בי"ד און האט גע'פסק'נט אז עס דארף זיין ר"ה ויוהכ"פ ביום זה, און האט געשיקט צו ר"י אז ער זאל קומען אין דעם יוהכ"פ וואס לויט דעם חשבון פון ר"י – במקלו ובמעותיו, וויבאלד אז נאך ר"ג'ס חשבון איז דאס חול, און ר"י איז געווען "מיצר", ביז וואנעט אז עס איז געקומען ר"ע און האט געזאגט אז אתם אפילו מזידין אתם אפילו מוטעין איז "בלשון זה אמר לו (אויך דער זעלבער אויסדרוק) עקיבא נחמתני נחמתני", און עס שטייט מערניט ווי איינמאל "עקיבא",

איז לכאורה – אויב דארטן קאן מען "יוצא" זיין מיט איינמאל – וואס דארף שטיין דא אין תושבע"פ אן איבעריקער ווארט?

ה) וואס איז דא נוגע צו אויסרעכענען ווער עס איז געגאנגען מיט ר"ע? לכאורה, אין דער הנהגה פון ר"ג מיט ר"י וארב"ע איז ניטא קיין חידוש, ווארום יעדער איד ווען ער וואלט געזעהן א שועל יוצא מבית קדה"ק וואלט ער געוויינט, דער חידוש איז אין הנהגה פון ר"ע, וואס ער האט אויפגעטאן א נייס, דערפאר דארף מען דערציילן ווער ס'האט אויפגעטאן דעם נייס, איז ווען עס וואלט געשטאנען "וכבר היו חכמים ור"ע מהלכים בדרך כו'", וואלט אויך מספיק געווען מ'זאל וויסן רבי עקיבא'ס אויפטו, איז וואס דארף מען דערציילן אז ר"ג וראב"ע ור"י וואלטן אליין ניט געפאלן אויף דער סברא, נאר ר"ע האט ביי זיי אויפגעטאן א נייעס, ביז וואנעט אז זיי האבן געזאגט "עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו"?

ס'איז קיין קשיא ניט פארוואס די גמרא אין ר"ה דערציילט ווען ר"ע האט מנחם געווען, ווארום ר"י איז געווען א גרויסען תוכן און בעל חשבון, ווי די גמרא דערציילט (הוריות יו"ד, א. ע"ש) אז ער האט געקאנט אויסרעכענען אז כוכב אחד לשבעים שנה עולה וכו', דערפאר דערציילט די גמרא א חידוש אז דער וואס איז געווען באותו הדור דער גרעסטער בעל חשבון אין ענינים פון הילוך הלבנה והכוכבים, פונדעסט-וועגען דארף ער פאלגן ר"ג, במילא איז נוגע צו וויסן אז דאס האט געטראפן מיט ר"י, וואס איז אבער דא נוגע צו וויסן ווער זיינען געווען די חכמים וואס זיינען געגאנגען מיט ר"ע?

ו) כרגיל אז ווען מ'מאכט א הדרן פארבינדט מען דאס מיט תחלת המסכת, וואס תחלת המסכת פון מכות איז דער ענין פון עדים זוממין, אדער ווי עס שטייט אין דאשונים (ראה הקדמת הרמב"ם לפיה"מ. ועוד) אז אמאל איז געווען מכות דער סיום פון מסכת סנהדרין, איז תחלת המסכת פון מכות איז דאס ענין הסנהדרין, ווי סנהדרין טיילט זיך פאנאנדער אויף שלשה און כ"ג ביז ע"א, וואס דאס איז די התחלה פון מסכת סנהדרין.

ולכאורה, וואס איז דער קישור מיט דעם ענין פון היו "מהלכין בדרך" און "היו עולין לירושלים"? אדרבה: דעמולט איז דאך געווען דער היפך פון ענין הסנהדרין, און היפך ענין פון ע"א ווי זיי שטייען מלא התוקף, וואס דאס איז שייכות בעיקר ווען סנהדרין געפינט זיך אין לשכת הגזית, וואס ארבעים שנה קודם שנחרב הבית איז שוין געווען סנהדרין שלא במקומם (ראה שבת טו, א),

לכאורה - ניט נאר וואס דאס האט ניט קיין קישור, נאר אדרבה - דאס איז שני הפכים: ווען איז דא דער ענין פון עדים זוממין וכל הפרטים שבזה, און ווען איז דא די סנהדרין של ג' וכ"ג וע"א וכל הפרטים שבזה, איז דאס דוקא ניט אין דער צייט וואס היו מהלכין בדרך און מ'האט געהערט המונה של רומי, און ניט אין דער צייט וואס היו עולין לירושלים, און ירושלים איז אין מצב וואס שועל יוצא מבית קדה"ק, איז וואס איז דער קישור מיט תחלת המסכת?

והביאור בזה: ענין פון נחמה אויף א ענין בלתי רצוי איז פון דעם זעלבן שרש ווי מ'זאגט "נחמתי כי עשיתים" (בראשית ו, ז), אז דאס איז דער היפך הרצון הקדוש שלפני זה. [וואס דאס איז וואס מ'זאגט אז "לא ישקר ולא ינחם" (שמואל טו, כט)], דער ענין פון מנחם איז אז ער איז משנה דעתו ניט נאר אין אן אנדער רצון, נאר אין א פארקערטן רצון,

[וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק וואס מ'זאגט אז דער אמת'ער



הנחת הת' בלתי מוגה

ענין פון נחמה איז ווי דער לשון "בתוך שאר אבלי ציון וירושלים", און דאס איז נוגע צו די נחמה, ווארום לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: ווי קאן זיין א נחמה אמיתית, וואס ענינה איז אז מ'איז מהפך ביז וואנעט אז מען זאגט "אודך ה' כי אנפת בי" (ישעי' יב, א), פון דעם "אנפת בי" ווערט "אודך" - א ענין פון שמחה, וואס דעמולט ווערט דאס א נחמה אמיתית - איבערגעקערט מן הקצה אל הקצה, קאן דאס לכאו' ניט זיין בזמן הזה? איז דערפאר זאגט מען "בתוך שאר אבלי ציון וירושלים", וואס זייער נחמה וועט זיין אין א אופן פון "אודך ה' כי אנפת בי", ווי ער זאגט אין דער נבואה.

און דאס איז אויך "עקיבא נחמתנו כו'": דאס איז ניט וואס ער האט זיך פארענטפערט פארוואס ער האט זיך אזוי נוהג געווען, נאר ער האט אין זיי גע'פועל'ט א "נחמה", פונקט דער היפך, אז פון "בוכין" זאל מען מאכן "משחק".

וואס דאס איז אויך דער דיוק וואס בשעת מ'האט געפרעגט בא ר"ע "מפני מה אתה משחק", האט ער ניט געענטפערט פארוואס ער קוועלט אן, נאר ער האט געזאגט פון "מפני מה אתם בוכין", ד.ה. פון אייער "בוכין" וויל איך איבערמאכן אויף "משחק", ניט נאר בא עם נאר אויך בא זיי, און סוכ"ס האט ער דאס אויסגעפירט, אז זיי האבן געזאגט "נחמתנו" - מיט דיינע רייד האסטו בא אונדז גע'פועל'ט אז אונזער "בוכין" איז געווארן "נחמתנו" - היפך הבכי.

וואס דעמולט איז דאך "ואשיבה שופטיך כבראשונה" (ישעי' א, כו), קערט זיך אום דער ענין פון סנהדרין.

וואס דאס איז אויך וואס מ'זאגט אז סנהדרין הייבט זיך אן ווען דער בית איז בשלימות, וואס דעמולט איז דא סנהדרין של ג' וכ"ג וע"א, אבער דערנאך גייט אוועק ווי אזוי מ'איז חוקר ודורש אין דיני ממונות און דיני נפשות און "אלו הן הלוקין", ביז וואנעט מ'איז מסיים אז מ'גייט און מ'הערט ווי אזוי דומי האט מנצח געווען "סכת דוד הנופלת" - היפך ענין הסנהדרין, וואס דאס ווערט דורך "ואלו הן הלוקין" און "אלו הן הגולין", מיט אלע פרטים וועלכע עס רעדט זיך פון אנהייבס סנהדרין ביז סוף מכות.

דער סיום איז אבער אז פון דעם "בוכין" מאכט מען "נחמתנו", וכמבואר, אז וויבאלד אז תורה ווערט אנגערופן "תורת חסד" (משלי לא, כו), איז ניט נאר דער פירוש אז די ענינים של חסדים וואס שטייען אין תורה זיינען תורת חסד - דאס איז קיין נייעס ניט, נאר אפילו די ענינים אין תורה וואס עס ווייזט זיך אויס אז דאס איז היפך פון חסד - אלו הן הלוקין און אלו הן הגולין וכיו"ב - איז די גאנצע כוונה אין דעם איז חסד, ווי ער איז מסיים אין דער משנה (מכות כג, סע"א) כשלקה הרי הוא כאחיך.

וואס דער לשון אין משנה איז כאחיך מיט א כ"ף הדמיון, קומט צו-גיין דער רמב"ם (הל' סנהדרין פי"ז ה"ז) און איז מעתיק די גירסא פון רי"ף און זאגט אן א כ"ף הדמיון - "הרי הוא אחיך", וואס אפילו דער וואס איז מחוייב - ניט נאר גלות אדער מלקות, נאר ער איז חייב נאך מער פאר דעם, איז כיון שלקו נפטרו מידי כו' און זיי ווערן ניט נאר כאחיך, נאר - ווי דער פס"ד בנוגע לפועל - אחיך ממש, וואס דאס איז דער ענין פון תורה חסד, אז אפילו מלקות שבתורה איז אויף אראפ-נעמען כרת וכו' וכו'.

און אזוי ווי סיום המשנה, איז אזוי אויך דער סיום המסכת, אז

דאס וואס מ'הערט א קול המונה של רומי, און דאס וואס ציון שדה תחרש, איז דאס ווי די גמרא (ראה קידושין לא, ב. רש"י ותוס' שם ד"ה איסתייעא מילתא) זאגט כמבואר אין מדרש (רבה איכה פ"ד, יד) בארוכה, אז "כלה... חמתו" (איכה ד, יא) על עצים ועל אבנים, און דורך דערוף זיינען אידן געבליבן בקיומם - "תן לי יבנה וחכמי'" (גיטין נו, ב), אז מ'איז אוועקגעגאנגען מיט דער תורה, און דאס וועט ברייגנען פון דעם "הלבנון באדיר יפול" (ישעי' י"ר, לד. וראה גיטין שם) דעם אדיר שלמעלה, און ער וועט איינעמען דעם אדיר וואס האט אויפגעטאן דעם "יפול".

וואס דאס איז אויך דער ביאור פארוואס פון אלע נבואות החורבן ברייגגט ער דוקא דעם פסוק "ציון שדה תחרש":

וויבאלד אז מ'דארף פועל'ן דעם אודך הוי' כי אנפת בי, אז עס זאל ווערן תכלית השמחה, איז וואס עס איז גבוה גבוה ביותר איז ער מתקן דעם מטה מטה ביותר. און דערפאר זאגט מען אז דער חילוק פון חורבן בית ראשון בין חורבן בית שני איז (ווי ער זאגט אין ירושלמי אין יומא (פ"א ה"א. וראה גם גיטין נז, ב. שמו"ר פל"ה, ה) אז דער בית ראשון האט נבוכדנצר חרוב געמאכט מערניט ווי די תקרה, ס'איז ניט געווען ציון שדה תחרש, ס'איז מערניט וואס ער האט מהרס געווען דעם בנין פון ביהמ"ק, און אין בנין פון ביהמ"ק גופא זיינען אויך די כתלים געבליבן גאנץ, און ס'איז ניט נאר דער פירוש אז ס'איז געבליבן "עצים ואבנים",

וואס דער דין איז טאקע (ראה נדרים סה, א. ע"ז כב, ב. בכורות נ, א) אז באו בה פריצים וחיללוה זיינען זיי געווארן אויס קודש; אבער טמא זיינען זיי אויך ניט געווארן ח"ו,

[אויף אזויפיל אז עס שטייט אין תוספתא (פרה פ"ג, ג'), וואס דער ר"ש ברייגגט דאס אראפ אין מסכת פרה (פ"ג מ"ג), אז אין די כתלים פון ביהמ"ק לאחרי שנחרב ע"י נבוכדנצר איז דארט געבליבן באהאלטן דער אפר פון פרה אדומה, און בשעת מ'איז געקומען צוריק פון גלות בבל און מ'האט געדארפט אויפבויען דעם ביהמ"ק און מקריב זיין קרבנות, מקיים זיין דעם ושכנתי בתוכם, האט מען דאס געקאנט טאן, דערפאר וואס די כתלים זיינען געבליבן גאנץ, און זיי האבן אפגעהיט דעם אפר פרה אדומה אז ער זאל מטהר זיין די אידן כשחזרו מן הגולה],

אבער דערפאר וואס דעמולט איז ניט געווען דער כלה חמתו על העצים ועל האבנים - איינגאנצן, איז די גאולה אויך ניט געווען קיין גאולה שלמה, וואס ס'איז ניט געווען דער אודך כי אנפת בי, נאר ס'איז געווען נחמה כפשוטה - ניט איבערגעקערט,

וואס דערפאר אז מ'איז געקומען פון גלות בבל איז "אכתי עבדי דאחשורוש אנן" (מגילה יד, א), ס'איז טאקע א ביהמ"ק אבער חסרו בו חמשה דברים (יומא כא, ב), און זאגן הלל אויף א נס - דער אודך מיט דעם גאנצן שטורעם, כימי צאתך מארמ"צ - קאן מען ניט זאגן, דערפאר וואס "אכתי עבדי דאחשורוש אנן".

אבער אין חורבן בית שני איז געווען בני אדום "האומרים ערו ערו עד היסוד בה" (תהלים קלז, ז) [ניט ווי נבוכדנצר - מערניט ווי די תקרה], וואס דעמולט איז ווי ער זאגט אין תוספתא ברכות (ספ"א) אז ווען איז געווען "ההר חמד אלקים לשבתו" (תהלים סח, יז) - איז דאס געווען דעמולט וועז ס'איז געבליבן מערניט ווי א "הר", ס'איז ניט געבליבן קיין בנין, (ראה לקו"ש ח"ו ע' 167),

וואס דאס איז וואס ער ברייננט אז בשעת עס רעדט זיך וועגן די גאולה האמיתית, וואס דעמולט וועט זיין נחמתנו נחמתנו - א גאולה שלימה, ביז אודך ה' כי אנפת בי, איז ניט מספיק די אלע נבואות וואס זיינען געווען אויף בית ראשון, ווארום דעמולט איז די גאולה ניט געווען קיין שלימה, ובמילא איז אויך ניט געווען דער אודך ה' כי אנפת בי, במילא איז עאכו"כ אויך ניט געווען קיין נחמה בכפלים.

וואס דער ענין פון כפל האט דאך אין זיך צוויי ענינים, א) "שנה הכתוב עליו לעכב" (ראה ג"כ יומא נא, ב), דערפון ווייס מען אז דאס איז א באשטימטע זאך וואס אין לשנות.

ב) וועו עס רעדט זיך וועגן א שם האדם איז דאס א ענין של חביבות, ווי ער זאגט אין ספרא (ריש ויקרא), וואס דאס איז דאך פארבונדן איינע מיט די צווייטע: בשעת דער ענין איז בא עם חביב לאזט ער עס ניט משנה זיין, משא"כ א ענין פון מהיכי תיתי איז עס קיין נפק"מ ניט צי לעכב צי ניט.

וואס דערפאר דערמאנט ער דוקא די נבואה וואס האט א שייכות לאחרי חורבן בית שני, וואס דעמולט איז ניט געבליבן דער בנין, נאר עס איז געווארן "ציון שדה תחרש",

אבער ער זאגט ניט אז ס'איז געווארן א סלע, נאר ס'איז געווארן א שדה, וואס ווי דער מהרש"א זאגט - ניט אין מכות נאר אין שבת - (לט, א) אז א שדה איז א ענין פון וועלכע עס וואקסט, און אין אן אופן אז פון איין גרעין וואקסן אויס כמה גרעינים, און אין וואס פארא אופן וואקסט דאס - אז דוקא דורך "הזורעים בדמעה" (תהילים קכו, ה) איז "ברנה יקצורו". דוקא דורך דעם וואס דער גרעין ווערט צופוילט קען זיין צמיחה, אבער כל זמן ער איז שטארק און האט א מציאות, וואס פארא מציאות עס זאל ניט זיין - אפי' אז די תקרה פעלט אבער די כתלים זיינען נאך דא, קאן ניט זיין די צמיחה אמיתית.

משא"כ בשעת עס איז דא דער הזורעים בדמעה, ווי ס'איז געווען אין ציון שדה תחרש, און כלה (כל) חמתו על העצים ועל האבנים, אז ס'איז גארניט געבליבן פון דער חומה, איז דערנאך געווארן "ההר חמד אלקים לשבתו", איז פון א מעמד ומצב פון הר איז געווארן "חמד אלקים",

ווארום דאס וואס "על אפי ועל חמתי היתה לי העיר הזאת" (ירמי' לב, לא), טייטשן אפ מפרשים אז עס איז געווען מערניט ווי אויף דעם בנין, ניט אויף דעם הר און אויף דעם מקום, וואס דערפאר ווערט ניט בטל קדושת המקום,

פונקט ווי אין בנין איז באו בה פריצים וחיללוה, ד.ה. אז מ'דארף אפילו ניט האבן דעם גאנצן חורבן, מערניט וואס באו בה פריצים - איז וחיללוה, איז בנוגע דעם מקום, איז וואס פארא ענין עס זאל ניט זיין בעוה"ז, איז פונקט אזוי ווי שכינה אינה בטלה, פסק'נט דער רמב"ם (הל' בית הבחירה ספ"ו) אזוי איז קדושת המקדש אינה בטלה - ההר חמד אלקים לשבתו.

וואס דערפאר זאגט ער דוקא דעם פסוק "בגללכם ציון שדה תחרש" אין נבואת החורבן, וואס דאס ברייננט דערנאך דעם עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו, נחמו נחמו, נחמה בכפלים און נחמה אמיתית און נחמה לעכב, וואס דעמולט ווערט דער אודך ה' כי אנפת בי, וואס דעמולט וועט אויך זיין דער "ואשיבה שופטיך כבראשונה", בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

הנחת הת' בלתי מוגה

ג. לויט דעם איז פארשטאנדיק נאך א ענין: בשעת מ'איז געקומען צו הר הצופים און מ'האט געזעהן אז ירושלים איז חרוב האבן אלע געריסן קריעה,

אבער דערנאך שטייט ניט אז זיי האבן געוויינט און עס שטייט ניט אז ר"ע האט געקוועלט, וואס ביידע זאכן זיינען דאך א פלא: בשעת ר"ע קוועלט אך אז דורך דעם חורבן - וויסנדיק אז כלה חמתו על העצים ועל האבנים וועט קומען די גאולה האמיתית, האט ער דאך לכאורה געקאנט אנקוועלן ווען ער האט דערזעהן ירושלים בחורבנה?

אזוי אויך שטייט ניט אז ר"ג ר"י וראב"ע האבן געוויינט אז זיי האבן געזעהן ירושלים בחורבנה?

והביאור בזה: ביי זיי איז דאס ניט געווען קיין איבערראשונג, דערפאר וואס זיי האבן געוואוסט אז מפני חטאינו גלינו מארצינו, במילא איז איך א מעמד פון קריעה איז מען געשטאנען, אבער ניט איך א מעמד פון בכי', וואס דאס איז דאך וועך עס קומט א דבר בלתי רצוי - ניט קיין גוטע זאך - איך א שטארקן אופן און <u>אומגעריכטערהייט</u>.

אבער בשעת מ'האט דערזעהן דעם "שועל יוצא מבית קדה"ק", האט דאס גע'פועל'ט ביידע זאכן: התחילו הן בוכין ור"ע משחק.

וואס איז דער ענין פון קדה"ק - איך מקדש גופא? לכאורה איז דאך דער <u>גאנצער</u> ביהמ"ק א הייליקער בנין, ביז וואנעט אז אפילו דער בארג אויף וועלכען דער ביהמ"ק איז געשטאנען, הר הבית - איז דאך אויך דא א סאך זהירות וואס מ'דארף האבן איך הר הבית, ווי עס שטייט איך משנה און איך גמרא מס' ברכות (נד, א. סב, ב ואילך) ענינים אויף אויסהיטן זיך אויף ניט טאן א ענין של בזיון אויף די אבנים און עפר פון הר הבית, ואעפ"כ איז <u>עשר</u> קדושות הן (כלים פ"א מ"ו), איך קדושה גופא איז דא דרגות אויף דרגות,

וואס כאטש מ'רעכנט אויס מערניט ווי צעהן, איז דאס דערפאר וואס צעהן איז א צאל וואס איז כולל איך זיך אלע מספרים (ראה פרדס ח"ב (שער ל') שער הצירוף פ"ח). ביז וואנעט אז מ'זאגט אז מאה איז עשר פעמים עשר, און אלף ורבבה איז דאס אלץ עשר גענומען א סאך מאל.

[וואס דערפאר איז דאך ווי גערעדט אמאל באריכות (ראה לקו"ש ח"ד ע' 1332) אז אויב עס איז דא צעהן קאן קיין גרעסערע פרהסיא ניט זיין. בנוגע צו לערנען תורה, איז אויף ברכת חכם הרזים דארף מען האבן ששים רבוא (ראה ברכות נח, א); בנוגע צו הבנה והשגה איז "ומתלמידי יותר מכולם" (ראה תענית ז, א. מכות י, א), וואס מערער תלמידים אלץ העכער וועט ער זיין איך הבנה והשגה; אבער בנוגע צו ארומנעמען די גאנצע וועלט, איז וואס הייסט פרהסיא - ווען ס'איז דא צעהן אידן. וואס דאס איז דערפאר וואס צעהן - אויב נאר די צעהן זיינען ווי עס דארף צו זיין, דאס זיינען בני אברהם יצחק ויעקב מחוייבים במצות - איז דאס פרהסיא, פונקט ווי די גאנצע וועלט ווייס דאס].

און דערפאר איז בכללות איז דא מערניט ווי עשר קדושות, אבער איך פועל איז דא כמה וכמה פעמים ככה, א סאך מערער, און די הוכחה אויף דעם איז פון א דין וואס איז נוגע להלכה למעשה: מ'זאגט אז דער כה"ג איך יוהכ"פ, איז נאך דערוף וואס ער איז געווען טהור האט ער געדארפט האבן א טבילה אויף אריבערגייך פון טהרה איך קדושה, און דערנאך איך

קדושה גופא האט ער אויך געדארפט האבן טבילה פון איינמאל צום צווייטן, ווארום מיט יעדער מאל איז ער געגאנגען אין א העכערע דרגא אין קדושה גופא,

וואס דאס איז דאך געווען אין דעם זעלבן טאג און אין דעם זעלבן ארט, ואעפ"כ איז דעמולט געווען כמה עליות אין קדושה, איז עאכו"כ בשעת עס רעדט זיך וועגן א לעבן פון א אידן פון אנהייב כל משך חיותו עלי אדמות, דארף דאך זיין א איד א הולך מדרגא לדרגא, ניט שטיין אויף דעם זעלבן ארט נאר שטייגן, איז אפילו ווען ער איז היינט אין תכלית הקדושה צו וועלכער ער קאן דערגרייכן היינט, האט ער נאך ביז הונדערט און צוואנציק יאהר, וואס יעדער טאג דארף זיין "בחוקותי תלכו", גיין אלץ העכער און העכער.

וואס דאס איז דאך וואס די גמ' (ברכות בסופה) פסק'נט אפ אז ת"ח [אדער ווי עס שטייט אמאל (של"ה בהקדמה (יז, א) תו"א מט, סע"א. צח, ב. ובכ"מ) די גירסא – צדיקים, וואס ועמך כולם צדיקים], אין להם מנוחה ניט בעוה"ז וכו' שנא' ילכו מחיל אל חיל, וואס דאס איז דאך א ציווי תמידי. נאר בכללות טיילט זיך דאס פאנאנדער אויף עשר קדושות.

וואס די עשר קדושות הויבן זיך אן פון א"י בכללותה, וכו', דערנאך איז דא דער חיל, און די עזרה און דער היכל, ביז וואנעט מ'קומט צום קדה"ק, וואס דאס איז וואס מיר ווייסן אז דאס איז די העכסטע קדושה. אבער א אידן איז דאך נוגע "המעשה הוא העיקר" (אבות פ"א מי"ז), איז אין וואס איז געווען אויסגעטיילט בפועל דער קדה"ק פון דעם ביהמ"ק כולו, איז דאס וואס מ'זאגט אז "אין בארון רק שני לוחות האבנים" (מ"א ח, ט), און דער ארון איז געשטאנען אין קדה"ק; דארטן איז ניט געווען קיינע ענינים, מערניט ווי אדון און בדיו מיט די לוחות און דער ס"ת בצדי הארון, צי בתוך האדון (ראה ב"ב יד, א-ב), און אפילו בא בית שני, וואס חסרו בו חמשה דברים ובתוכם דער ארון (ראה יומא כא, ב), איז(א) פסק'נט דער רמב"ם (הל' בית הבחירה רפ"ד) אז דער ארון איז געווען גנוז אין דער מערה שמתחת קדה"ק; און (ב) עכ"פ דער מקום הארון איז געבליבן – אויף דעם אבן שתי', וואס דאס איז געווען קדה"ק.

און אע"פ וואס דער ענין פון ביהמ"ק איז דאך "ביתי בית תפלה יקרא (ביז וואנעט) לכל העמים" (ישעי' נו, ז), און ווי תפלת שלמה בעת חנוכת ביהמ"ק (מלכים א, ח כט ואילך. דה"י כו, כ ואילך) אז אלע תפלות פון דער גאנצער וועלט דארפן גיין דורכן ביהמ"ק. און ווי עס ווערט אפגע'פסק'נט דער דין אין שו"ע (או"ח סי' צד, ס"א. שו"ע אדה"ז שם) אז אפי' לאחר החורבן איז "עיני ולבי שם כל הימים" (דה"י ב ז, טז), וואס דערפאר איז העומד ומתפלל דארף מכוון זיין כנגד ירושלים וביהמ"ק, און אין ביהמ"ק גופא – דער קדה"ק.

אבער וויבאלד אז דאס נעמט זיך פון דעם אויבערשטן וואס ער איז ה' אחד – פאראייניקט זיך דארטן דער ענין התפלה מיט דעם ענין התורה, ביז וואנעט דאס ווערט איין זאך. וואס דערפאר איז דער קדה"ק עיני ולבי שם כל הימים, אז דארט איז דא די נקודה וואס איז תכלית התפלה של כל העולם, און דארט איז דא די נקודה וואס איז תכלית התורה של כל העולם.

נאר ס'איז דא אמאל אז דער גשמיות'דיקער קדה"ק איז חרוב. אבער מען פארלירט דעמולט ניט דעם ענין – מ'ווייס אז אט קומט די גאולה,

ווארום "הרהר תשובה" ווערט ער גלייך נתהפך מן הקצה אל הקצה, און ער ווערט א צדיק גמור (ראה או"ז סי' קיב), און ווי די גמרא פסק'נט אפ אין קידושין (מט, ב) אויב מ'איז נאר זיכער אז הרהר תשובה - און דערנאך איז דאך דא דער דין (קידושין מ, א. רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד) אז יראה כל העולם כולו שקול און ער אליין איז אויך שקול און מיט איין מחשבה, איין דיבור און איין מעשה, איז ער מכריע עצמו וכל העולם כולו לכף זכות, און עס ווערט בטל דער גלות און עס קומט די גאולה.

אבער בד"א, אז אמת טאקע - דער גשמיות'דיקער קדה"ק איז חרוב, אבער בא עס איז גאנץ דער אינעווייניגסטער קדה"ק, דער ושכנתי בתוכם בתוך כאו"א, און וויבאלד אז בא א אידן איז רוחניות עיקר און גשמיות טפל, אדער ווי דער לשון פון דעס אלטן רבי'ן (תניא פ' לב) אז נשמה עיקר וגופם טפל, בויעט די רוחניות אויף די גשמיות.

וואס דערפאר איז בשעת זיי האבן געזעהן אז דער ביהמ"ק איז חרוב, איז קרעו, ס'איז אבער ניט געווען דער ענין פון בכי', דערנאך אס מען אבער דערזעהן וואס עס טוט זיך אין מקום קדה"ק - שועלים הלכו בו, עס גייט פון דארטן ארויס א שועל - איז בכו,

וואס לכאו' - וואס עפעס דוקא א שועל? זאל טאקע זיין אז אזוי איז געווען די מעשה אבער צוליב וואס דארף תורה דערציילן אז א שועל איז פון דארטן ארויס-געגאנגען? איז דאך א סימן אז דאס גופא איז א לימוד.

וואס איז א שועל? זאגט די גמרא אין ברכות (סא, ב) אז ער איז "פקח שבחיות"; ער איז טאקע ניט קיין מדבר - ניט קיין מענטש - אבער צווישן חיות גופא איז ער דער קליגסטער.

וואס איז דער ענין פון תורה? תורה איז חכמתו של הקב"ה, וואס דורך דערויף אז מ'לערנט תורה - "זאת התורה אדם" (חוקת יט, יד), איז "אדמה לעליון" (עשרה מאמרות מאמר א כ"ח. ועוד), דעמולט ווערט א איד אנגערופן בשם אדם; וואס "אתם קרוים אדם" איז געווארן בא מ"ת.

[וואס דערמיט פארענטפערט מען וואס מ'געפינט אז קודם מ"ת איז דער כלל ניט אלעמאל אויסגעהאלטן, אבער לאחר מ"ת איז "אתם קרוים אדם", ווארום דוקא די וואס זיי קאנען זיין אדמה לעליון, דורך דערויף וואס מ'האט אנגענומען תורתו וואס זי איז חכמתו של הקב"ה - איז אויף זיי זאגט מען "אתם קרוים אדם"],

וואס דאס איז דער אויפטו פון א מדבר וואס ער איז א בעל שכל,

ס'איז דאך זה לעו"ז עשה האלקים (קהלת ז, יד), איז דערנאך איז דא דער לעו"ז, ווי ער איז ניט "אתם קרוים אדם", נאר חיות, נאר אין חיות גופא איז זיין ענין (ניט אז ער ליגט אין תאוות אכו"ש וכיו"ב, נאר אז) ער איז פקח שבחיות, ער קאכט זיך אין הבנה והשגה, אין חכמה, און דאס איז דער ענין פון "פקח שבחיות".

אבער דאס איז נאך ניט קיין ענין פון וועלכן מ'הייבט אן וויינען, ווארום "וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה", און ווי געדעדט פריער אז "אין סומכין על הנס", מ'דארף זיך טאקע ניט קאכן אין פארדינען אויף פרנסה, אבער ער איז דאך מחוייב לזון אשתו ובני ביתו און מחוייב געבן אויף צדקה, און מחוייב אויסצוהאלטן מוסדות תורה וחינוך וכו' דארף

ער דאך פארדינען געלט, איז ווי דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט די וועלט פארדינט מען בשעת ס'איז דא "אשר תעשה", ער טוט א ענין של עשי', ער מאכט א כלי בטבע דורך וועלכער דער אויבערשטער זאל עם געבן זיין פרנסה. פרנסה גיט דער אויבערשטער, אבער עפעס אן אנהאלט אין טבע דארף ער מאכן,

ובמילא דארף ער האבן אין דערויף דעם ענין ה"פיקח", ער דארף צוניצן דערצו די חכמה, אבער וואו האלט ער די חכמה, האלט ער דאס "בחיות", דעמולט וועט עס קומט די האלבע שעה צי די פאר מינוט, וואס דעמולט איז ניט נוגע דער ענין פון לימוד התורה, און דעמולט איז די צייט פון "בכל אשר תעשה" ע"פ תורה.

אבער דא האט מען דערזעהן אז דער שועל האט זיך אריינגעכאפט אין מקום קדה"ק, ד.ה. אז דאס וואס ער זאגט אז מ'דארף מאכן חשבונות - זאגט ער דאס ניט ווען ער געפינט זיך אין חו"ל, ער זאגט דאס אפילו ניט ווען ער געפינט זיך אין היכל - דאס איז פאר עם ווייניג, נאר ער זאגט דאס אין קדה"ק, וואס "אין בארון אלא שני לוחות אבנים", וואס דאס איז מערניט ווי תורה אליין,

וואס לכאו' - ווי קאן א איד נעמען תורה? דאס איז דאך א הייליקע זאך "ואהי' אצלו גו' שעשועים" (משלי ה, ל), דעם אויבערשטנס תורה, איז ווי קאן דאס נעמען א נברא? דארף מען האבן דעם "ברכו בתורה תחלה" (נדרים פא, א), ער דארף בעטן בא דעם אויבערשטן "ותן בלבנו בינה", וועט קאנען זיין "ללמוד" - ער וועט נעמען תורה,

אבער וואס טוט דער פקח שבחיות? ער כאפט זיך אריין אין דעם קדה"ק, און ניצט די קדושה פון קדה"ק כדי צו טאן דאס וואס א חי' וויל טאן, ניט דאס וואס "אתם קרוים אדם" דארפן טאן,

איז בשעת מ'רידט אן די פנימיות הנפש פון א אידן וואס דאס איז נקודת היהדות שבו, וואס דאס איז פארבונדן מיט די נקודת התפלה, נקודת התורה מיט די נקודה פון דעם אויבערשטן וואס ער איז אחדות הפשוטה, דא איז "התחילו הן בוכין",

ווארום עס איז ניט דער פירוש אז דער שועל מאכט חרוב דעם קדה"ק, וואס פון דעם וואלט ניט געווען דער שטורעם פון "התחילו בוכין", נאר ער ניצט דעם מקום קדה"ק.

וועט מען פארשטיין דעם ביאור פון דעם משל וואס די גמרא ברענגט אויף א שועל אין ברכות (שם), אז בשעת מ'איז געקומען צו ר"ע וואס "הי' מקהיל קהילות ברבים ועוסק בתורה" - בשעת ס'איז געווען א גזירה אנט-קעגן, און מ'האט עם געפרעגט ווי טוט ער אנטקעגן גזירת המלכות און לערנט תורה מיט אידן, האט ער געזאגט "אמשול לך משל":

א שועל איז געגאנגען אויף דעם ברעג נהר, און האט געזעהן אז דגים "מתקבצין ממקום למקום", זיי לויפן ארום דערפאר וואס אויף זיי איז אנגעפאלן א מזיק, האט דער שועל זיי געזאגט אז זיי זאלן ארויס-גיין פון נהר "ונדור ביחד" און דאס וועט זיין די הצלה. האבן עם די דגים געענטפערט, מ'זאגט אז דו ביסט פקח שבחיות - דו ביסט גארניט קיין פקח דו ביסט א טפש.

דער שועל זאגט ניט צו די דגים אז איר דארפט ניט זיין אין וואסער - געזונטערהייט זייט צוזאמען מיט די וואסער, אבער בשעת איר זעהט אז

וואסער העלפט אייך ניט, זאגט ניט אז איר זייט שולדיג; זאגט אז דאס איז די וואסער שולדיג, במילא איז וואס איז די עצה - קומט ארויס ביבשה מיט אייער גאנצן פעקל, און דעמולט איז ונדור ביחד, והראי׳ - דער שועל געפינט זיך ביבשה.

וואס לכאורה קאן דאך זיין אז דער דג איז שולדיג און ניט די מים, זאגט דער שועל: ניין! די מים זיינען שולדיג, ובמילא איז די עצה אנטלויפן פון די מים.

איז בשעת מ׳נוצט דעם קדה"ק (ד.ה. מ׳וויל נוצן תורה) אויף היפך התורה - איז התחילו בוכין.

וואס לכאורה איז דעמולט ניטא קיין אנהאלט מיט וואס מען קאן עס נעמען ער זאל זיך איבערבייטן. בשעת ער זאגט אז ע"פ תורה דארף זיין ונשמרתם מאד לנפשותיכם; און ע"פ תורה דארף זיין "בכל אשר תעשה", במילא וויבאלד אז דו געפינסט זיך אין א מעמד ומצב וואס "מתקבצין ממקום למקום", דו זעהסט אז בשעת דו ביסט אין אהלה של תורה, איז די ישיבה האט ניט קיין געלט מיט וואס צו צאלן א "טיטשער", איז דערנאך אז דער קינד, דער אינגל צי די מיידעל וואקסט דארטן אויס דארף מען טראכטן פון וואס וועט ער האבן פרנסה,

און ער זאגט אז ס׳איז ניט שולדיק דאס וואס מפני חטאינו גלינו און מ׳געפינט זיך בגלות בין האומות, נאר שולדיק איז דאס וואס דו ווילסט עס ארייגשטעקן אין קדה"ק, איז בעסער אז עס זאל זיין יצא מבית קדה"ק; ער געפינט זיך טאקע אין קדה"ק און דארטן גופא פועל׳ט ער אויף עס ער זאל וועלן ארויסגיין פון הארטן ר"ל.

און ניט ער זאגט עס עס מיט שטותים (לכאורה), נאר בשעת מ׳גיט א קוק אויבנאופיק איז דאס "שועל", און די דגים אליין טענה׳ן אז אומדים עליך אז דו ביסט א פקח שבחיות.

און מען ברייינגט די ראי׳ אז ער איז א טיפש "ומה במקום חיותנו", בא א אידן איז א דבר פשוט אז בשעת ער האלט זיך אן אין תורה, און ער וויל ניט איבערמאכן אז תורה זאל זיין צוגעפאסט צו עס, נאר ער ווייס אז תורה גיט עס לעבן, במילא איז דאך ניט שייך אז ער זאל צופאסן דעם חיות צו זיך, נאר ער דארף זיך צופאסן ער זאל קאנען אויפנעמען דעם חיות, און דעמולט וועט ער זיכער געפינען א וועג ווי אזוי צו ניצול ווערדן פון דעם מזיק. און דאס איז נוגע ניט נאר אין עוה"ב - מ׳זאגט ניט דעם שועל אז ער איז א פקח שבחיות נאר ער פארשטייט ניט וואס דגים זיינען, נאר מ׳זאגט עס אז בחיות איז ער א טיפש, ווארום דאס איז נוגע אין חיים כפשוטם אין עוה"ז הגשמי,

און ווי ער איז מבאר באריכה אין קונטרס ומעין (מאמר ה׳ ואילך), אז דאס וואס מ׳זאגט והתברך בלבבו לאמר שלום יהי׳ לי כי בשרירות לבי אלך, איז בא א אידן קאן דאס ניט זיין. ס׳קאן ניט זיין אז א איד זאל שלאפן דוהיק אויב ער ווייס אז ער פירט זיך ניט ווי תורה האט עס געזאגט, ער קאן זיך נעמען א "פיל" כדי צו פארטומלען זיך, ער קאן טרינקען משקה המשכרת און "ישתה וישכח רישו" (משלי ל, ז), ער קאן זיך איינשלעפערן במילא וועט ער ניט פילן דעם אייגענעם ווייטאג, עס קאן אבער ניט זיין אז א חלק אלו-ה ממעל ממש, וואס דאס איז - ווי

דער אלטער רבי זאגט (תניא פ"א, ב) - דא בא יעדער אידן, אן קיין אויסנאם, זאל דער חלק אלו-ה ממעל ממש מסכים זיין, אז ער זאל זיין "יוצא מבית קדה"ק", און אוועקגיין דארטן וואו עס פאסט פאר א חי', ניט פאר א בן אדם,

נאר וואס דען - ער פארטויבט זיך, פארטומעלט זיך און פארשלעפערט זיך. אבער סוכ"ס וועט ער זיך אליין אויפכאפן פון זיין שלאף און פון זיין דרעמל און זעהן וואו ער געפינט זיך, און דעמולט איז והצטער בלבבו: וואס האט ער געטאן מיט זיך אליין,

וכאמור: דאס איז ניט נאר נוגע בנ"א, דאס איז נוגע צו פקח שבחיות. אויב מ'וויל זיין א פקח בחיות מוז מען זעהן אז די דגים זאלן זיין בים. און דעמולט קאן דער וואס זיין ענין איז ביבשה - קאן ער דארטן זיין א פקח שבחיות, אבער טאמער גיט ער א עצה די דגים שבמים אז זיי זאלן ארויסגיין פון מים, ווערט ער ביבשה א טיפש שבחיות.

וואס דאס איז דער כללות ההבנה וההסברה אין דאס וואס ס'איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, כנ"ל: אז מ'האט ניט געווינט אויף ירושלים בחורבנה - וואס האט אזוי דערנומען דער שועלים הלכו בו? וואס פון פסוק "על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו", ברייינגט די גמרא ניט אראפ דעם ערשטן האלבן פסוק, ווארום "על הר ציון ששמם" האבן זיי ניט גע-וויינט, זיי האט טאקע געהארט דער ענין החורבן ביז מיצוי הנפש, והראי' אז קרעו בגדיהן, מיט א ברכה בשם ומלכות מיט דעם גאנצן ענין וואס איז פארבונדן דערמיט. אבער דארטן איז ניט געווען קיין בכי' וואס קומט פון א זאך וואס מ'קאן ניט פארנעמען; זיי האבן געגלויבט באמונה שלמה אז אט קומט משיח, און אט קומט די גאולה האמיתית, און ווען ס'וועט זיין "זכו" וועט זיין "אחישנה" (ראה סנהדרין צח, א) גלייך באותה רגע, נאר וואס דען - מ'דארף מוסיף זיין בתומ"צ.

און בשעת מ'קוקט אויף א איד, ווי א איד איז ווען זיין קדה"ק געפינט זיך בשלימות און ער לאזט אהין ניט אריין קיין שועל, איז פונקט אזוי ווי "שכינה אינה בטלה" אזוי איז זיין קדה"ק, וואס דארט געפינט זיך די שכינה, אין פנימיות נפשו - איז אויך שכינה אינה בטלה ח"ו.

אבער דערנאך האט מען א קוק געטאן אז די רומיים האבן אזוי ווייט דערגרייכט אז עס קאן זיין א מציאות אז פון מקום קדה"ק איז יוצא שועל, וואס דאס איז דער ענין פון אתהפכא מן הקצה אל הקצה - ניט ווי געהערט "ניחמתנו" אין דעם צד הטוב, נאר אין דעם צד ההפכי, מ'נעמט פון קדה"ק, וואס דאס איז דער ענין פון "אין בארון אלא שני לוחות אבנים", און מ'מאכט דערפון דעם פקח און מ'נוצט דאס אויף "חיות". און מען שיקט דעם פקח שבחיות צו פועל'ן אז פון דעם מקום קדה"ק זאל זיין דער יוצא, ווי ער זאגט אין דעם משל "עלו ליבשה ונדור ביחד",

און דאס האט זיי געזאגט ר"ע: בשעת ער האט בא זיי ארויסגעבראכט בגלוי וואס איז דער ענין הבכי', האט ער זיי געזאגט אז דערפון ווערט דער ענין פון "משחק",

ווארום ווי פארטויבט מ'זאל ניט זיין, איז דאס נאר כ"ז עס רירט ניט אן ביז אין נקודת הנפש, ווארום אפילו א קל שבקלים, איז ווי ער זאגט אין תניא (פ"ח-ט) ווען ער קאן זיך שוין מער ניט אפנארן, און וויפל ער וועט ניט זוכן קיין תירוצים, זעהט ער אז אויב ער וועט

ווייטער אזוי גיין ווערט ער נפרד מאלקותו, איז ער זיך מוסר נפש אן קיינע חשבונות,

און דאס האט ר"ע געזאגט: כ"ז ס'איז געווען ירושלים בחורבנה, קאן מען זיך איינרעדן אז אזוי ווי די רומיים זיינען געווען א גרויסער פאלק מיט א גרויסן חיל וכו' וכו' איז לא יד השם עשה זאת נאר דער "כחי ועוצם ידי" פון טיטוס ואספסינוס, אבער טיטוס און אספסינוס האבן ניט געקאנט הונדערט יאהר שפעטער ברייגנען א שועל וואס זאל גיין אין קדה"ק, דאס האבן אפילו זיי ניט געקאנט אויפטאן. איז בשעת מ'זעהט אז אויף דעדוף געפינט מען ניט קיין תירוץ, ווארום דאס וואס דער וואס זיצט אין רוים האט א גרויסן חיל מיט אלע מכונות מלחמה, און דאס וואס "כי קטן הוא", איז דער יעקב "אתם המעט מכל העמים" (ואתחנן ז, ז) קאן ניט מלחמה האבן, איז ניט מכריח אז שועלים הלכו בו און דוקא אין מקום קדה"ק, איז דאך זיכער אז יד הוי' עשה זאת, במילא פארשטייט ער אז דא איז א ענין וואס איז ניט פארבונדן מיט כחי ועוצם ידי פון דעם היפך, אדער מיט די שוואכקייט פון א אידן, און דעמולט, אז ער קאן זיך שוין מערניט אפנארן אז ער וועט ניט זיין קיין נפרד מאלקות, איז פון "הזורעים בדמעה" קומט ארויס "ברנה יקצורו".

וואס דאס איז אויך וואס מ'זעהט גראדע אין דער מדינה אז עס איז געווען כמה שנים מיט כמה דורות אז מ'האט פארקוקט אויף א סאך זאכן, עס איז אבער דא זאכן - וואס וויפל א מענטש איז בא זיך ניט טייער, איז בטבע דער אויבערשטער האט מטביע געווען אין טבע בנ"א, אז מ'וויל באווארענען א קינד נאך מערער וויפל מ'באווארנט זיך,

איז כ"ז מ'האט זיך געקאנט איינרעדן אז מ'קאן ניט מדייק זיין אין א דקדוק קל של ד"ס און אפע"כ זאל מען קאנען דורכגיין די הונדערט און צוואנציק יאהר ווי א איד גייט זיי דורך, און דערנאך פון א דקדוק של ד"ס איז מען געקומען צו א דרבנן און דערנאך נאך העכער, איז דאס אבער געווען נוגע מערניט ווי עס אדער זיינע עלטערן, האט ער געזוכט תירוצים און עס האט עם ניט אנגערירט;

כ"ז עס האט אנגערירט זיינעם א קינד אפילו, אבער אין ענינים וואס ער האט געקאנט פארמאכן די האנט אזן די אויגן אויף דעם, האט דאס עם אויך ניט אנגערירט. עד האט געזוכט אפשר קאן עד זיך לייגן שלאפן, וואס דאדף ער גיין מלחמה האבן מיט גויים, און וואס דארף ער מלחמה האבן מיט "מאדזשאריטי" און וואס דארף ער מלחמה האבן נגד כל העולם כולו, בפרט נאך אז אמעדיקא איז א פרייע לאנד, און מ'קאן זיך פירן ווי מ'וויל און לעבן און האבן אויף דער הוצאה, מ'דארף זיך ניט שפארן אין געטא!

אבער בשעת מ'איז ארויסגעקומען און מ'האט גענומען זעהן וואס טוט זיך מיט די קינדער, און מ'האט געזעהן אז ר"ל מ'קאן ברייגנען א שייגעץ אין הויז, וואס דא איז ניט שייכות קיין תירוצים. ער קאן פארענטפערן ניט כשר יא כשר - וועט ער דערנאך תשובה טאן; איז ער ניט מהדר; וכו', אבער אז עד זעהט אז עס איז פארבונדן מיט נשואי תערובות און ר"ל עס ווערט טאקע א גוי, און עס דארף הייסן פארשריבן אין "סיטי האל" אז דאס האט א שייכות מיט עם, אז דאס איז דעד צווייטער דור נאך עם, דא איז כלו כל הקיצין.

נאד וואס דען, מ'איז דאך פאדטומלט, מ'האט זיך דאך אפגיוואוינט אזויפיל יאהרן פון טראכטן וואס מ'דארף טראכטן, טאפט מען אין דער

פינסטער, עס פעלט דער "נר מצוה ותו"א"- וואס זאל מאכן ליכטיג וואוהין מ׳דארף גיין. בשעת אבער מ׳הייבט אן טאפן, מען קאן שוין ניט שלאפן - דעמולט איז מובטחים, איז ר"ע משחק.

פארוואס איז דאס? ווײַלע מילא ער אליין - הארט עס ניט, ער רעדט זיך איין חלומות, אבער בשעת עס איז פארבונדן מיט נשואי תערובות פון א טאכטער אדער פון א זון, איז דא האט ער ניט מיט וואס צו פאר-ענטפערן זיך און מיט וואס זיך אפצונארן, און דא הייבט זיך אן דער טומל, נאר היות ס׳איז נאך פאר דעם "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ", פרואווט ער זיי איינרעדן אז וואס דארף מען טאן, זאל מען ארויסגיין מן הים אל היבשה, זאגט מען אז ניט נאר אין "דגים" - פאר בנ"א - איז דאס א טפשות, נאר אין חיות איז דאס א טפשות.

און סוכ"ס אז מ׳האט אנגעהויבן דרוקן וועגן דערוף דא אין די צייטונגען, מ׳רעדט וועגן דערוף בגלוי, און מען שעמט זיך ניט, דעמולט איז התחיל משחק, אויף אזויפיל אז די וואס ווײַנען האט ער אויף זיי סוכ"ס אויפגע׳פועל׳ט אז "ניחמתנו".

אבער דערנאך זאגט מען: "בלשון הזה אמרו לו", ווען ר"ע וואלט גערעדט מיט דריי תנאים און עס וואלט געבליבן צווישן זיי, דערמיט קאן מען נאך ניט העלפן אלע אידן, מ׳דארף האבן אז דאס זאל אריינגע-שריבן ווערן אין תורה, וואס עניינה פון תורה איז לשון הוראה, און זאל זיין ארייגעשריבן דער לשון בדיוק, מ׳זאל ניט קאנען טייטשן אז ניט דאס האט מען געמיינט און ניט דאס האט מען געטראכט, מ׳זאל ניט זאגן אז וויבאלד אז דאס איז תושבע"פ איז ניט בדיוק, והראי׳ אז תוס׳ און רא"ש און ר"ן זאגט יעדער פון זיי דעם זעלבן ענין מיט זיינעם א לשון (לקו"ת ראה בד"ה ושמתי כדכד הראשון), זאגט מען "בלשון הזה אמרו לו" מ׳האט מדייק געווען אין דעם לשון.

און וואס איז געווען דער לשון - "עקיבא ניחמתנו",

והביאור בזה: וואס דער אויפטו פון ר"ע לגבי די דריי תנאים איז געווען, וואס ר׳ עקיבא האט געשטאמט פון גרים (ראה סה"ד בערכו); וואס איז דער ענין פון א גר?

זאגט די גמרא אין סנהדרין (לט, ב), אז בשעת מ׳האט געדארפט אנזאגן די גאולה העתידה האט מען געשיקט עובדי׳ן. פרעגט די גמרא: מאי שנא עובדי׳ לאדום? ענטפערט די גמרא "עובדי׳ גר אדומי הי׳". בשעת מ׳געפינט זיך אין גלות אדום, און מען וויל אז דארטן זאל זיין די גאולה, דארף דאס זיין אין א אופן פון "ניחמתנו", פון אדום אליין דארף מען ארויסקריגן די גאולה, וואס דערפאר האבן ר"ג וראב"ע ור"י געדארפט אנקומען צו ר"ע.

ווארום ר"ע האט געשטאמט (פון רומי, פון חו"ל) פון גרים, איז ער געווען "מיני׳ ובי׳ אבא לשדי׳ בי׳ נרגא", ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין (שם, וראה תניא פל"א), פון לעו"ז, דערפון גופא ווערט איבערגעקערט און עס ווערט די נחמה, פון דעם אנפת ווערט דער ענין פון אודך.

נאר עס איז געגוג אז איינער זאל זיין אין אזא אופן און דורך דערוף פועל׳ט ער אז אלע וועלן עס נאך טאן.

וואס דא זעהט מען ליידער בנוגע צו די וואס האבן זיך מייאש געווען, און טראכטן: וואס קאן מען אויפטאן, עס איז דאך לאחר הבירור.

דארף מען האבן א גר אדומי, די וואס זיינען אויסגעוואקסן אין דער מדינה, און ווייסן תהלוכות המדינה, און ווייסן ווי אזוי מ'דארף ניט נתפעל ווערן אויב מ'וויל מיט א אמת, והראי' - ער אליין איז ניט נתפעל געווארן, איז "עקיבא - ניחמתנו", ער קאן מנחם זיין און איבער-קערן, ווי געדערט פריער דער ענין פון "וינחם", אז עס ווערט חרטה מן הקצה אל הקצה,

און דעמולט מאכט ער איבער פון די אידן וואס ווען מ'זאגט זיי: טוט עפעס - שרייט ער - ער וויינט. וואס דארף מען האבן דעם וויינען? ווער בעט בא דיר וויינען?! גיי ארויס און שלעפ אריין אידן אין קדה"ק! ווילסט וויינען - בשעת דו וועסט אלע אידן אריינשלעפן אין קדה"ק, און מער איז ניטא קיין ארבעט איז זעץ זיך אוועק וויינען, אבער איצטער איז א צייט אויף וויינען?! ניטא קיין צייט אויף קלאגן זיך! איז דא א קינד וואס איז מחוץ לקדה"ק - איז דא א מיידעלע וואס ווייסט ניט וועגן בענטשן ליכט און חלה וכו' וכו' - שלעפ זיי אריין אין קדה"ק! ניטא קיין צייט אויף וויינען!

כדי דאס זאל אבער פועל זיין אויף אלעמען, דארף דאס קומען פון א תחתון שאין למטה הימנו - פון א בן גרים, נאר דער בן גרים האט זיך איינגעשפארט, ווי ער זאגט אין אדר"נ (פ"ו, ב) אז "אבנים שחקו מים", אז אפילו אויב לבו כלב האבן איז אויב ער וועט נאר ניט נתפעל ווערן, און וועט דאס טאן טאג נאך א טאג, וועט די וואסער דורך לעכערן דעם שטיין, ביז וואנעט אז "כולהו אליבא דר"ע" (סנה' פו, א), אז אלע אידן זיינען אויפגעבויעט געווארן דורך דעם "עקיבא ניחמתנו".

צוליב וואס דערציילט מען דאס אונז? איז בשעת מ'פרעגט אז ווי איז שייכות בא עם מאנען ער זאל אויפבויען אן עדה פון אידן, זיי זאלן ווערן שומרי תומ"צ, זיין גרייט גיין אנטקעגן משיח מארגן אינדערפרי - ווען ער אליין איז ניט ווי עס דארף צו זיין, זאגט מען: ביסט א בן גרים, דיין נעכטיקער טאג איז ניט קיין אידישער טאג, במילא איז היינט אינדערפרי האסטו זיך מגייר געווען ביסטו געווארן א בן גרים, דעמולט איז "מיני' ובי' אבא לשדי' בי' נרגא", דיין ענין איז אז די וואס בא זיי איז דער היינט א גוי'עשער ניט קיין אידעשער, זאלסטו פון זיי אויפמאכן אז מארגן אינדערפרי זאל פון זיי ווערן "ניחמתנו".

און דאס דערציילט מען אז מ'האט דאס אויפגעטאן און אויף וועמען מ'האט דאס אויפגעטאן. וואס דערפאר דערציילט די גמ' ווער זיינען די וואס האבן געקריגט מיט עם והיו בוכין. ווארום אידן ווערן פאנאנדער-געטיילט אויף כהנים לוים און ישראלים. ר"ג איז געווען דער נשיא הדור, און איז געווען מבני דוד, ראב"ע איז געווען דור עשירי לעזרא (ברכות כז, ב), ביז וואנעט אז מ'זאגט אז ער איז געווען ענליך צו עזרא, וואס ער איז געווען דער כהן בימיו. און ר"י בן חנניא איז געווען מן המשוררין (ערכין יא, ב) - א לוי. וואס דאס איז כולל אלע אידן - כהנים לוים און ישראלים.

אבער בשעת מ'דארף אנזאגן די נבואה אז אדום ווערט חרוב און עס קומט צוגיין משיח - ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, דארף דאס קומען פון עובדי' וואס ער איז א גר אדומי, און ער בויעט אויף, און ברייגנט אז אלע אידן צוזאמען זאלן אראפברייגנען דעם מושיעים בהר ציון, און וועלן פועל'ן דעם והיתה לה' המלוכה.

וואס דאס איז דער ענין פון "עקיבא ניחמתנו", און מ'איז מדייק

"בלשון הזה אמרו לו", דא איז נוגע אז די התחלה זאל ווערן פון עקיבא׳ן, און די התחלה זאל זיין על מנת עס זאל זיין "ניחמתנו": ניט באגנו-גענען זיך אז א ביסל טאג וועט בא עם בלייבן א גוי׳עשער טאג, און א האלבער טאג וועט זיין א אידישער, נאר עס דארף זיין ניחמתנו, איבער-געקערט, פונקט אזוי ווי דער נעכטיקער טאג איז געווען אינגאנצן א גוי׳עשער, עס איז געווען איידער ער האט זיך מגייר געווען. אזוי דארף זיין <u>היינטיקער טאג אינגאנצן</u> א אידישער.

און דעמולט איז ניחמתנו - סיי די כהנים סיי די לוים סיי די ישראלים, און והיתה לה׳ המלוכה.

וואס דאס איז אויך די הוראה פאר יעדערען פון אונז: בא יעדער אידן איז דאך דא די צייטן וואס ער איז אוכל ושותה וואס אויף דערויף זאגט די גמרא (חגיגה טז, א) אז בשעת א מענטש איז אוכל ושותה און מ׳גיט א קוק פון אויסענווייניק איז דומה לבהמה, עס איז די זעלבע זאך ווי א בהמה, ס׳איז ניט אתם קדוים אדם,

אבער בשעת מ׳מאכט פריער א ברכה און מאכט דערנאך א ברכה אחרונה, און בשעת דעם עסן גופא טראכט ער עס זאל זיין "מעשיך לש"ש", אדער נאך העכער - "בכל דרכיך דעהו", איז דעמולט ווען ער נעמט זיין "עקיבא", די ענינים וואס בשעת מ׳גיט א קוק ווייס מען ניט צי ער האט זיך מגייר געווען צי ניט, ווער עסט דאס - צי א איד צי ניט קיין איד, און ער הייבט אן שדייען "ניחמתנו", אז ער קערט איבער, אז ניט נאר אז זיין לערנען איז ווי מ׳דאדף לערנען אין קדה"ק, און ווי מ׳דארף דאווענען אין "עיני ולבי שם כל הימים", נאר אפילו ווען ער עסט און טרינקט איז אויך ניחמתנו, ס׳איז געווארן אויס עסן און טרינקען כבהמה, נאר ס׳איז געווארן ע"ד ווי אכילת כהנים, וואס ואתם תהיו לי ממלכת כהנים (יתרו יט, וא"ו) דאס איז שייך ביי יעדער אידן, אז זיין אכילה זאל זיין ווי אכילת הקרבנות, וואס דאס איז כולו קודש,

דעמולט ווערט ניחמתנו, אז ער הייבט אויף זיך, מיט דעם כהן וואס בא עם אין נפש, מיט דעם לוי וואס בא עם אין נפש, מיט דעם ישדאל וואס בא עם אין נפש, און דאס איז זיך דערנאך מתפשט בכל הסביבה - אין זיין גאנצער אומגעבונג ביז וואנעט ער ברייגנט <u>כל העולם כולו</u> לכף זכות, און ער ברייגנט אדאפ דעם קיום היעוד והיתה לה׳ המלוכה.

ד. מ׳האט די טעג אפגעדרוקט דעם צווייטן חלק זכרונות פון דעם בעל ההילולא, וואס דאס איז געשריבן אין לשון הקודש, און איבערגעזעצט דורך רעדאקטאר מעקלער, און ס׳איז איצטער ארויסגעקומען אין א בוך, וואס דאס איז דאך מער מצוי לכל. און ווי באוואוסט דער ווארט פון דעם צ"צ, וואס דער רבי דער נשיא האט איבערגעגעבן, אז א דבר שבדפוס איז דאס לדורות.

וואס דארט איז דא סיפורים, הוראות, און תורות, און צווישן זיי אויך תורות פון בעש"ט.

וואס איינע פון די תודות איז (ס׳ הזכרונות ח"ב ע׳ 27-28. 427) - אויף דעם פסוק "יורדי הים באניות עושי מלאכה במים רבים" (תהלים קז, כג), ברייגנט כ"ק מו"ח אדמו"ר אז דער בעש"ט האט גע-טייטשט, אז "אני׳" איז דאך דער פי׳ הפשוט א "שיף", דאס איז דאך אין לשון קודש, וואס דאס איז ניט וואס מ׳האט מסכים געווען עס זאל האבן דעם און דעם טייטש, נאד (ראה בחיי לבראשית ב, יט. אור תודה (להה"מ) שם. שעד היחוד והאמונה פ"א) - דאס ווערט דאך אנגערופן

לשון קודש - שבו ניתנה התורה, וואס זי איז דאך געגעבן געווארן מלמעלמ"ט, ניט מיט א לשון אויף וועלכע בנ"א האבן מסכים געווען,

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז אין דעם זעלבן ווארט ווערן אפגעטייטשט צוויי ענינים, איז א סימן אז די ענינים האבן צווישן זיך א שייכות און א פארבונד,

ברענגט דער בעש"ט אין דער תורה אז "אני'" האט א צווייטן טייטש פון לשון "תאני' ואני'" - מלשון קלאג. און ער האט געטייטשט "יורדי הים באניות", אז דאס גייט אויף דער נשמה וואס זי געפינט זיך למע' חצובה מתחת כסא הכבוד, און זי איז יורדת מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, ביז זי קומט אראפ אין גוף - אין עוה"ז הגשמי, וואס די וועלט איז דאך אזוי ווי א ים, מיט מים רבים, וואס מ'דארף האבן באווארענישן אויף ניט דערטרונקען ווערן אין זיי, איז אין דערויף דא "יורדי הים"

- אין די נשמות וואס קומען אראפ למטה אין ים, איז דא די צוויי אופנים:

ס'איז דא אזוינע נשמות וואס קומען אראפ, און זייער גוף ווערט אויפגעוואקסן און האדעוועט זיך אין אזא מין אופן אז דאס איז א שיף, וואס בא א שיף - איז דער וואס געפינט זיך אין שיף ווערט באשיצט אז ער זאל ניט גע'ניזוק'ט ווערן פון די מי הים, ואדרבה דורך דער "אני'" - דורך דער שיף - קאן דער יורד הים פארן און קומען למחוז חפצו;

ס'איז דא אזוינע נשמות וואס זייער ירידה אין דעם ים אין דעם גוף איז אין א אופן אז עס ווערט בא עם "תאני' ואני'", אז ער האט גרויסע צרות פון די מי הים, ווארום די ירידת הים, איז דאך א ירידה צורך עלי', און ווי געזעדט פריער, כדי מ'זאל אויספירן דעם "ושכנתי בתוכם" - לעשות לו ית' דירה בתחתונים, איז ניט נאר די "אני'" - דער גוף - לאזט אים ניט דורכפירן זיין שליחות, נאר זי מאכט עם נאך אן "תאני' ואני'", זי מאכט עם אן צרות און קלאגעריי, דעם היפך פון מילוי השליחות,

און אויף דערויף זאגט ער ווייטער - "עושי מלאכה במים רבים", אז ס'איז דא אזוינע וואס זייער שליחות איז אז זיי זאלן טאן מלאכה מיט די וואס געפינען זיך אין די מים רבים, אויף זיי ארויסהעלפן, אז זיי זאלן ניט נאר ניט דערטרונקען ווערן, נאר זיי זאלן זיין ווי א יורד הים דארף זיין. עד כאן תורת הבעש"ט.

וואס דאס איז דאך אויך א הוראה כללית, אויף דריי סוגים וואס ס'איז דא בא אידן: א) ס'איז דא אזוינע וואס דים שיפקיעו את עצמם - זיי קאנען קוים זיך איינקערן מיט זיך אליין, און ב) ס'איז דא אזוינע וואס קאנען זיך ניט איינקערן מיט זיך אליין אויך, עאכו"כ ניט ארויסהעלפן א צווייטן. און ג) ס'איז דא אזוינע וואס זייער שליחות, אז ניט נאר ער זאל זיך איינקערן ממלא זיין זיין שליחות, נאר עס זאל אויך זיין דער "עושה מלאכה במים רבים", עד זאל קאנען ארויסהעלפן די וואס טרינקען זיך אין די מים רבים, כדי עס זאל זיין דער "מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה" (שה"ש ח, ז), ווי עד זאגט אין מדרש (רבה שם) די אהבה פון דעם אויבערשטן צו אידן, און די אהבה פון דעם אידן צו דעם אויבערשטן, וואס אויף דערויף דארף מען האבן א מאל א עזר פון א צווייטן.

איז געווען אזוינע צייטן, וואס ס'איז געווען א קלאדע זאך, און

מ'האט אויסגעפונען צו וועלכע פון די סוגים מ'געהערט. אבער אזוי ווי מ'לעבט אין א צייט וואס איז א פארטומלטע צייט, און מ'קאן ניט זיין זיכער ניט מיט זיך, און עאכו"כ ניט מיט א צווייטן, במילא דארף דאך זיין דער "אל תאמין בעצמך עד יום מותך" (אבות פ"ב מ"ג), במילא דארף ער אנקומען צו א הילף פון א צווייטן,

און אז ער וויל אז דער צווייטער זאל עם העלפן, איז דעמולט "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", וואס הלל האט געזאגט אז דאס איז כל התורה כולה (שבת לא, א), פונקט אזוי ווי ער וויל אז א צווייטער זאל עם ארויסהעלפן אין זיינע ענינים, אזוי זאל זיין לחברך לא תעביד, אויב דו זעהסט א אידן, וואס ער דארף אנקומען נאך עזר, נאך א הילף, זאלסטו עס ארויסהעלפן ניט קוקנדיק אז דאס וועט דיר קאסטן צייט אדער טרחא וכו' וכו',

און הלל זאגט אז דאס איז ניט <u>איינע</u> פון די מצות תורה, אדער א גרויסע מצוה, אדער גאר א גרויסע מצוה, נאר ער זאגט אז דאס איז כל התו' <u>כולה</u>.

קאן ער דאך טראכטן אויב אזוי איז וואס דארף ער טראכטן וועגן די איבעריקע זעקס הונדערט און צוועלעף מצות, עס איז גענוג אז ער וועט מקיים זיין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", ווי דער לשון התרגום "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", אויף דערויף זאגט מען "ואידך פירושא הוא זיל גמור" אויב עד וועט ניט לערנען דעם פירוש, די איבע-ריקע זעקס הונדערט און צוועלעף מצות, וועט ער דעמולט די מצוה אויך ניט מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין,

וע"ד ווי מ'זעהט דאס בהנוגע צו קליינע קינדער כפשוטו, אז אויב מ'זאל מיט א קליין קינד גיין מערניט ווי מיט דעם סדר פון "ואהבת לרעך כמוך", ניט לערנען מיט דעם קינד דעם פירוש וואס איז דער טוב האמיתי, נאר פרעגן וואס דער קינד וויל, און געבן עם, איז אן דעם פירוש אויף "ואהבת" - אין וואס די אהבה דארף זיך אויסדריקן, קאן זיין אז דורך דעם איז ניט נאר ער וועט ניט מקיים זיין די מצוה פון אהבה, נאר עס זאל זיין פארקערט: "שונא" איז דער וואס איז "חושך שבטו" (ראה משלי יג, כד), בשעת אבער ער לערנט דעם פי' אז אמאל דארף זיין "שחרו מוסר", איז אין דעדוף דריקט זיך אויס דער "אוהבו", און דאס מיינט ער סיי בהנוגע זיך און סיי בהנוגע דעם צווייטן, אז ער לערנט דעם פירוש פון "מה דעלך סני לחבדך לא תעביד", און ער וועט גיין אין דעם וועג פון "ואהבת לרעך כמוך", האט ער די גאנצע תורה.

וואס דאס איז אויך די הודאה וואס מ'האט גערעדט פריער, אז ס'איז דא דריי סוגים, איז לכאורה קאן דאך יעדערער באשטימען אז ער איז פון דעם סוג וואס בא עם איז דא "אני'" - פון לשון תאני', ער קאן זיך ניט איינקערן און ער איז אויף צרות, איז פארוואס זאל ער הארעווען זאל א צווייטער עם ארויסהעלפן,

ועד"ז אין דעם ערשטן סוג, קאן ער טענה'ן אז וויבאלד אז ער איז פון "יורדי הים באניות", און ער האט א שיף, און קאן פאדן געזונט-ערהייט, און אנקומען בשלימות, און עס וועט גארנישט שאטן, איז פארוואס דארף ער טראכטן וועגן א צווייטן,

און אפילו דער דריטער סוג פון "עושי מלאכה במים רבים", טראכט עד בא זיך, אז ער האט הצלחה אין עסקנות ציבורית איז וואס דארף ער

טראכטן וועגן זיך, ער וועט באזארגן די וועלט, און וואס וועט זיך טאן מיט זיך אליין איז מהיכי תיתי, ווייל וואס איז תופס מקום א יחיד לגבי די טובה פון די גאנצע וועלט, במילא אז מ'פרעגט בא עם וואס טוט זיך מיט עם בחייו הפרטים, ענטפערט ער - ער דארף באזארגן אז אין וועלט זאל ניט זיין קיין מלחמה, אויב עס וועט זיין ר"ל א מלחמה, קאן מען אויס'הרג'נען מיליאנען מענטשן, און מ'זאל ניט ווארפן קיין אטאמישע באמבע,

זאגט מען עם טאקע זייער גוט, דו ביסט "עושה מלאכה במים רבים", דו ביסט מציל די גאנצע וועלט, וואס טוט זיך אבער מיט "יורדי הים באניות", וואס טוט זיך מיט דיין אייגענע שיף, מיט דיין אייגענעם גוף, מיט דיין הנחת תפילין, און וואס טוט זיך מיט די בני בית, די וואס געפינען זיך אין דיינע אייגענע ד' אמות, זיי זיינען ניט אין מים רבים - אין מיטן ים, וואס דארפן קאנסטו איבערקערן דעם ים. פארנעם זיך מיט א קלייניקייט מציל זיין איין אידן, איין קינד איז דאס אויך א ענין כאלו קיים עולם מלא.

וואס דאס איז וואס די אלע דריי סוגים זיינען אריינגעשטעלט אין דעם פסוק, און מ'האט אנגעזאגט אז ניט ס'איז דא איין איד וואס לערנט דעם ערשטן האלבן פסוק "יורדי הים באניות", און א צווייטער דעם אנדערן האלבן פסוק "עושי מלאכה במים רבים", נאר "כל פסוקא דלא פסקא משה אנן לא פסקינן" (מגילה כב, א), אין דעם זעלבן פסוק איז דא די אלע דריי ענינים, און דעמולט בשעת מ'פארלייגט זיך אויף די אלע דריי ענינים, בחייו הפרטים איז ער א לומד תורה ומקיים מצות, ובסביבתו ובתוך ב"ב קוקט ער זיך ארום, צי ס'איז ניטא אזוינע וואס זיצן מיט עם אין זיין שיף און האבן צרות,

. ס'איז טאקע זיין שיף, ער איז דער ראש הבית, ראש הקהלה ראש הבהכנ"ס, וכו' וכו', בא עם איז דאס אבער "אני" - א שיף, בא א צווייטן וואס איז אין דער זעלבער שיף, עגבערט די שיף, און מאכט דארט א לאך, און טענה'ט אז דאס איז זיין מקום פאר וועלכע ער האט באצאלט ר"ה איז ער דארט בעה"ב כל השנה כולה.

זאגט מען אים, אז דאס איז די שיף וואו אויך ער זיצט, און עס קאן ניט זיין אז די שיף זאל זיין גאנץ, אויב ער וועט לאזן דעם צווייטן מאכן דארט א לאך, דערפאר וואס ער האט באצאלט כך וכך ערב ר"ה;

און דערנאך איז יעדער איד - יחיד - א רבים, ווי דער רבי דער נשיא האט געזאגט (ראה סה"מ תש"י ע' 190) אז יעדער יחיד איז א רבים, במילא פונקט ווי מ'איז אלעמאל געווען מחויב בצדקה גשמית אזוי איז מען מחויב אין צדקה רוחנית - "עושי מלאכה במים רבים",

און ודיבאלד אז מ'גייט אין שליחות פון אויבערשטן מאכן דארט ושכנתי בתוכם איז "שלוחי מצוה אינם ניזוקים" (פסחים ח, ב), קאן ניט זיין אז דאס וועט עם שאטן דאס וואס ער וועט העלפן א צווייטן אידן ניצול ווערן ממים רבים, ווארום שלוחי מצוה אינם ניזוקין, ואדרבה: "מאיר עיני שניהם הוי'" (ראה תמורה טז, א).

וואס דאס איז די תורה וואס דער בעש"ט האט געזאגט מיט אזויפיל יאהרן צוריק, און דערנאך איז דאס דורכגעגאנגען כמה דורות, און ס'איז געווען מערניט ווי בזכרון, און דערנאך פון די זכרונות איז דאס אראפ בכתב, און דערנאך בדפוס מיט א הוראה לדורות, אז יעדער איד האט בכח

צו זיין אלע דריי סוגים, און וויבאלד אז ער האט בכח ווערט דאס זיינער א חיוב און דאס ווערט זיינען א זכות, אז ער זאל זיין פון "יורדי הים באניות", טאן אין די ביידע אופנים פון די אניות,

וואס בא יעדער אידן בפרט איז דאס דער חלק הגוף וואס איז פאר־בונדן מיט חלל השמאלי שבלב, וואס דער חלק הגוף וואס איז פארבונדן מיט דעם חלל הימני שבלב איז דאס א "אני׳" וואס איז מציל פון מים רבים, און דערנאך האט דאך יעדער איד א השפעה - דער רבי האט אמאל געזאגט אז חוקרים זאגן, אז ווען א מענטש גיט א בלאז חדר לפנים מחדר, איז אויף ציר הצפוני ווערט א שינוי אין די טעמפערטור דארטן - ווארום די גאנצע וועלט איז אחדות. איז אז אין איין חלק וועלט ווערט א אונ־טערשייד - ווי דער אונטערשייד זאל ניט זיין - מוז ווערן דער אונטער־שייד אין דער גאנצער וועלט. איז יעדערער קאן ווערן א"עושי מלאכה במים רבים".

און דער וואס קאן טאן א סאך איז ער ניט יוצא מיט ווייניקער - "עשיר שהביא קרבן עני לא יצא" (סוף נגעים), ער דארף ברייינגען א קרבן עשיר, און דעמולט איז שכרו ישולם לו בכפלים, אז עס וועט זיין ווי גערעדט פריער דער "ניחמתנו", דער "אודך ה׳ כי אנפת בי", אז ער וועט זעהן פרי טוב בעמלו, און וועט זוכה זיין צו זעהן מאי פירי - מצות, זרע ברך השם, זרע כפשוטו, "ובניך אלו התלמידים" (ספרי ורש"י ואתחנן ו, ז), אז ער וועט קאנען זאגן בצדק - ראו גדולים שגדלתי, און ווי דער רבי דער נשיא פלעגט כמה פעמים מסיים זיין ארויסגיין מיט זיי אלעמען אנטקעגען משיח צדקנו, און זאגן אז אט גייט צבאות השם.

ה. לויט דעם וואס מ׳האט פריער גערעדט איז פארשטאנדיק פארוואס ר"ג און ראב"ע און ר"י בן חנניא האבן געדארפט אנקומען צו ר"ע אז ער זאל ביי זיי אויפטאן די סברא פון "ניחמתנו", און ווי גערעדט פריער, אז דאס איז וואס די גמ׳ זאגט אין סנהדרין אז בכדי מבטל זיין גלות אדום האט מען געדארפט האבן עובדי׳ וואס "גר אדומי הי׳".

אבער לכאורה איז נאך ניט פארשטאנדיק און ניט פארענטפערט - פארוואס שטייט צוויי מאל "עקיבא"? און ווי גערעדט פריער אז די קשיא ווערט נאך גדעסער: דער זעלבער אויסדרוק ווערט געבראכט אין ר"ה, וואס דארטן זאגט ער אויך "בלשון הזה אמר לו: עקיבא ניחמתני ניחמתני", און דארטן שטייט מערניט ווי איינמאל "עקיבא"?

וועט מען דאס פארשטיין פון דעם חילוק פון דעם ענין וואס רעדט זיך אין ר"ה, און דער ענין וואס רעדט זיך אין מסכת מכות: אין ר"ה רעדט זיך וועגן קביעות חדשים ושנים, וואס מ׳האט געדארפט אויסרעכענען בנוגע צו מולד הלבנה, וועגן קובע זיין יוהכ"פ וכל המועדים, און אויף דערוף האט מען געדארפט האבן ר"ע, ער זאל ברייינגען דעם דרש פון "אתם אפי׳ שוגגין, אתם אפי׳ מזידין, אתם אפי׳ מוטעין",

וואס די משנה דארט ברייינגט אראפ א צווייטן ענטפער פון ר"ע, און דארט שטייט ניט "עקיבא ניחמתני", וואס לכאורה איז דאס אויך ניט פארשטאנדיק, ווארום ממ"נ: וויבאלד אז "ניחמתני" איז פארבונדן מיט דעם ענטפער, איז בשעת די משנה דערציילט א צווייטן ענטפער פון ר"ע, אז ער האט געזאגט "אין לי מועדות אלא אלו", האט עס רבי יהושע לכאורה געקאנט זאגן די זעלבע זאך - "עקיבא ניחמתני", און דארטן זאגט דאס ניט די משנה, און די גמ׳ זאגט דאס ווען מ׳ברייינגט דעם טעם פון ר"ע - "אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין אתם אפילו מוטעין", און אעפ"כ שטייט דארט איינמאל "עקיבא"?

וואס דערפון זעהט מען אז עס זיינען דא דריי סוגים: א) בשעת ר"ע ענטפערט און מ'זאגט עס נישט "ניחמתני", אע"פ וואס לכאורה איז ניטא מיט וואס אפצושלאגן זיין ענטפער; ב) ווען ר"ע ענטפערט און מ'זאגט עס "ניחמתני", אבער מ'דערמאנט מערניט ווי איינמאל "עקיבא"; ג) ווי די גמ' אין סיום מס' מכות, וואס דארטן ענטפערט מען אויך "עקיבא ניחמתנו", אבער מ'דערמאנט צוויי מאל "עקיבא".

וואס דער חילוק פון די דריי ענטפערס איז: אין דער ערשטער ענטפער - "אין לי מועדות אלא אלו", געפינט ניט ר"ע אז א איד האט עפעס געוואלט טאן ניט ווי עס דארף צו זיין במזיד, ער געפינט אפילו ניט אז עד האט געוואלט טאן אזא זאך בשוגג,

- און ווי רש"י זאגט אין שבועות (ב, א ד"ה תולה)אז אפילו שוגג דארף האבן א כפרה, ווארום אויב ער וואלט זיך געפירט ווי עס דארף צו זיין, איז "לא יאונה לצדיק כל און", וואלט בא עס קיין שוגג אויך ניט געטראפן, איז א סימן, ווי דער אלטער רבי ברייננגט אין אגה"ק (סוף סימן כ"ח) אז פריער איז ער געווען מושקע אין גשמי', און פון דעם איז ער געווארן מושקע אין חומריות, ובמילא איז דא די התגברות פון נפה"ב, וואס דאס ברייננגט צו שוגג -

איז אין דעם ענטפער פון די משנה, זאגט ניט ר"ע אז מ'דארף זאגן אז א איד איז א שוגג צו א מזיד וכו', ר"ע זעהט דאס ניט, נאר אז ר"י פרעגט אים א קשיא - עס שטימט ניט מיט דעם חשבון, ענטפערט ר"ע אז ס'איז א דין אין תורה אז ס'איז ניט נוגע דער חשבון, עס איז נוגע דער "אלו מועדי ה' אשר תקראו וגו'",

דערנאך איז דא א צווייטע און א טיפערע זאך: בשעת דער טעות איז בעקומען מצד שוגג, און נאך מעדער - מצד מזיד, וואס דער וואס האט קיינמאל ניט געהאט צוטאן מיט גדים איז צו דעם גאנצן ענין ניט שייך, ווארום ביים נפה"א מצ"ע איז ניט שייכות דער גאנצער ענין, ווייל בטבע קאן זי ניט טאן א ענין וואס איז נגד רצון הבורא. פונקט אזוי ווי די טבע פון גוף איז אז ער שפארט זיך ניט אין פייער און וואסער, דער-פאר וואס ער פילט גלייך אז דאס איז מזיק זיין מציאות, אזוי איז די נפה"א וועט זיך ניט שפארן טאן א עבירה, ווארום ער פילט גלייך אז דאס איז נגד טבעו, און דאס ברייננגט אים א צרה, און א היזק, און ער דארף אויף דערוף ניט האבן קיין התבוננות.

אבער בשעת עס קומט דער נפה"ב, וואס זי נעמט זיך פון א ארט וואס איז מעורב טו"ר, דא קאן זיין "לאום מלאום יאמץ", אז עס ווערט נתגבר דער גשמיות הגוף, און דעמולט פאלט ער אריין און סוכ"ס ווערט שוגג,

וואס דערפאר ווען עס דעדט זיך ווענן ר"י, וואס ער איז געווען א צדיק מעיקרא, פון שבט לוי - "הפעם ילוה אישי אלי", איז ער מערניט ווי שייכות צו קדושה, דעמולט איז אויך דא בא ר"ע א ענין וואס האט קיין שייכות ניט עס זאל זיין עפעס ניכר אז ער איז פון נכר, די גמרא זאגט טאקע אין ברכות (כז, ב) אז זכות אבות דארף מען זוכן אויף ראב"ע, ניט אויף ר"ע, אבער דעד ענין וואס ער זאל קאנען זעהן בא א צווייטן אידן שוגג, וואס דאס איז מצד קודם הגידות,

איז ווי דאס שטייט אין משנה, וואס משנה איז דאך א דבר ברור, ווי דער רמב"ם זאגט אין פיה"מ (בהקדמה ד"ה אחר כן), איז דעד ענטפער



הנחת הת' בלתי מוגה

א קלארער: לויט דעם דין איז "אלה מועדי ה' אשר תקראו – אין לי מועדים אלא אלו", און אויף דערויף איז ניט שייך זאגן "ניחמתני", ווארום ער האט קיין זאך ניט איבערגעקערט, ניט ער מאכט פון מזיד א שוגג און ניט פון א שוגג א דבר טוב, נאר ער האט לכתחלה געזאגט אז עס איז א דין תורה אז מ'דארף ניט קוקן אויף חשבון, נאר אויף די מועדים וואס הוכרזו בבי"ד.

וואס דאס איז ווי ר"ע איז א תנא, און האט ניט קיין שייכות צו גרים.

דערנאך איז דא ווי דאס קומט אראפ אין גמרא, וואס דארט איז דאך "במחשכים הושיבני" – בכדי ארויסגעפינען א דין אין א טיפערן אופן, און ווי גערעדט אין א פריערדיקן פארברייינגען (פון דעם אלטן רבי'נס א מאמר) בנוגע פלפול וואס נהג בה משה טוב עין ונתנה לישראל (נדרים לח, א), וואס דעמולט קומט מען צו עומק ההלכה, וואס די הלכה איז ניט נאר מברר וואס איז קדש און וואס איז חול, נאר זי מאכט איבער אז "מחשכים" זאל ווערן תורה אור.

וואס דאס איז וואס ר"ע זאגט אין גמרא דעם צווייטן ענטפער, אז פון "אפילו שוגגין כו' אפילו מזידין" קאן מען מאכן א פס"ד פון תו', און אזוי זאל זיך דער אויבערשטער פירן מיט פמליא של מעלה.

וואס אויף דערויף זאגט מען "בלשון הזה אמר לו עקיבא ניחמתני", דא מוז ער דערמאנען עקיבא, ווארום דאס איז פארבונדן מיט ר"ע דוקא, ווייל בא ר"י מצ"ע איז ניטא דער גאנצער ענין – בא עם איז ניט שייך דער שוגג, ועאכו"כ מזיד, און וויבאלד אז בא עם איז דער גאנצער ענין ניטא, קאן ער דאס אויך ניט זעהן בא א צווייטן אידן,

וכידוע דער ווארט פון בעש"ט (כש"ט (קה"ת) ע' 76, וראה לקו"ש ח"י ע' 29-24) אז בשעת מען זעהט עפעס א ענין בא א צווייטן דארף מען וויסן אז דאס איז א שפיגל, און אז מ'קוקט אויף א שפיגל זעהט ער זיך. נאר וואס דען – בא עם איז דאס אפשר אין א אידעלערן אופן אדער בדקות דדקות, אבער אויב בא עם וואלט דאס גארניט געווען, אפי' אפס קצהו וואלט ער דאס ניט געזעהן ביי א צווייטן, ווארום אין זיין וועלט עקזיסטירט ניט דער גאנצער ענין,

~~וכידוע דער סיפור וואס דער רבי דער נשיא האט דערציילט~~ (ראה ספה"מ קונטרסים ח"ב ע' 712 ואילך) בנוגע דעם צ"צ און בנוגע דעם מיטעלן רבי'ן, וואס זיי זיינען דאך געווען צדיקים און נשיאים בדורם, איז כ"ז מ'האט בא זיך ניט געפונען בדקות דדקות אין עבודת השם, דעם ענין אויף וואס דער צווייטער האט געבעטן א תיקון, האט מען עס ניט געקאנט ענטפערן, ווארום אין זיין וועלט איז דאס ניטא.

וואס דערפאר איז אין דער משנה, וואס דארט איז א "עולם ברור" (ל' הגמ' – פסחים נ, א) – ניט "מחשכים", זאגט מען ניט "בלשון הזה אמר לו עקיבא ניחמתני", עס איז ניט א ענין פון אתהפכא מן הקצה אל הקצה, און דא איז ניט נוגע דער ענין פון גרים; בשעת עס קומט אבער אין גמרא – אין "מחשכים", און מ'דארף מברר זיין בבל אויך, מ'דארף פון דעם חשך אויך מאכן אור, דארף מען אנקומען צו "עקיבא ניחמתני", וואס ער מאכט פון שוגגין און אפילו פון מזידין אז דאס זאל ווערן א יום קדוש לה'.

דאס איז אבער אלץ ווען עס רעדט זיך וועגן א איד, וואס אפילו

ווען ער איז א שוגג אדער אפילו א מזיד, איז "גם בשעת החטא היתה באמנה אתו ית'" (תניא ספכ"ד), דערנאך איז אבער דא א צווייטע זאך, ווען א איד הייבט אן האבן צוטאן מיט וועלט, וואס אין וועלט איז ניט שייכות צו זאגן אז "גם בשעת החטא היתה באמנה אתו", ווארום דאס איז פארבונדן מיט מציאות העולם, ווי ער זאגט אין תניא (פכ"ד) אז "הרשעים גוברים בו",

איז דא דארף מען האבן נאך א טיפערן ענין אין עקיבא'ן, ניט נאר איין מאל "עקיבא ניחמתני" נאר מען דארף א צווייטער עקיבא. בשעת מ'דארף איבערמאכן קול המונה של רומי; בשעת מ'דארף איבערמאכן "ציון שדה תחרש", ביז וואנעט אז "שועל יוצא מבית קדה"ק"; און פון דער בכי' איז "ר"ע משחק", דא איז ניט גענוג איין מאל עקיבא,

דאס איז גענוג אויף איבערקערן אז פון א אידן'ס שוגג ומזיד זאל ווערן יום קדוש, דערפאר וואס ווי א איד זאל ניט זיין א חוטא ופושע איז סוכ"ס איז דאס מערניט וואס יצרו אנסו, אבער זיין נפה"א שרייט בשעת מעשה אז ער וויל מקיים זיין דעם אויבערשטנס רצון, און ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ (הל' גירושין פ"ב ה"כ), במילא איז דאס ניט קיין מלאכת מחשבת - ד.ה. א אמת'ע עבירה, וואס עס קומט טאקע א עונש, ווארום מ'דארף אראפווישן די בלאטע, אבער אפילו בשעת ער האט הנאה פון דער עבירה צופעט עם אינעווייניג די הארץ, ער ווייס אז ער טוט א עוולה, נאר ער זוכט א וועג אויף זיך פארטומלען,

(משא"כ בשעת ניט קיין איד טוט א ענין וואס ער דארף ניט טאן, קאן ער טאקע עובר זיין און זאל <u>וועלן</u> מורד זיין "יודע את רבונו ומכוון למרוד בו", נאר דאס קאן זיין בא עמלק, בא נמרד'ן, וכיו"ב),

וועך קאן אבער האבן א שייכות לענין זה בדקות דדקות - איז דאס מ'ערניט ווי ר"ע וואס ער שטאמט פון גרים,

וע"ד ווי געהערט פריער (אין שפעטערדיקע דורות) בנוגע צום מיטעלן רבי'ן און צ"צ, וואס מ'האט געפרעגט א ענין בזוי ומאוס - א חוץ דעם וואס דאס איז היפך התורה, האט ער געמוזט בא זיך געפינען בדקות דדקות, האט זיך עס אויסגעדרוקט אין דעם וואס ער האט געזעהן א צורת מטבע, נאר בערכו פון זיין נשמה קומט דערנאך אראפ אין השתלשלות למטה מטה א עבירה וואס זי איז היפך האנושיות און היפך התורה וכו' וכו', ווי דער סיפור איז דארטן.

וואס דערפאר בשעת ר"ע פארענטפערט בנוגע צו איבערמאכן א אידישן שוגג ומזיד איז אויך "ניחמתני", עס איז אבער גענוג איינמאל "עקיבא", משא"כ אז מ'האט געזעהן "שועל יוצא מבית קדה"ק", איז ניט מספיק איינ-מאל עקיבא - וואס דאס וועט ארויסהעלפן אידן, נאר מ'דארף האבן א צוויי-טן מאל עקיבא, מ'זאל איבערקערן אז פון "ציון שדה תחרש" זאל ווערן אזא שדה, וואס דארטן זאל זיין "הזורעים בדמעה" און פון דארטן זאל אויסוואקסן דער "ברנה יקצרו",

און דאס איז אויך דער דיוק וואס די גמ' זאגט דארט "בלשון הזה אמר לו" מעדניט ווי איינמאל, ווארום אין ענינים פון קדוש החדש טאר מען ניט אריינמישן א ענין וואס איז פארבונדן מיט וועלט.

וואס דאס איז דאך וואס מ'האט אין די פריערדיקע סדרה אז "מסר לו סוד קידוש שנים וחדשים", זאגט די מכילתא (שמות יב, א) אז עס קאן ניט זיין בתוך הכרך, לכאורה - ס'איז דאך משה מיט דעם אויבערשטן וואס

הארט דיר מלך מצרים, דער אויבערשטער רעדט מיט משה איז בא זיי תופס מקום צי דאס איז ארמ"צ מלאה גלולים צי ניט, אז דארט איז "אין עוד מלבדו"?

זאגט מען נייך: עס רעדט זיך וועגן קידוש שנים וחדשים - מוז דאס זיין חוץ לכרך, ובמילא איז דארט ניט שייכות דער "קול המונה של רומי", און "בלשון הזה אמר לו" - דוקא איינמאל עקיבא.

וואס דאס איז א הוראה בנוגע צו אונז: עס זיינען דא אזוינע וואס בשעת מ'זאגט זיי אז מ'דארף מאכן אמעריקה פאר א מקום תורה, און דא זאל זיין ושכנתי בתוכם, עס זאל זיין ניכר אין גאס אז עס גייט דער אויבערשטער, הייבט ער אן טענה'ן - וואס דארף ער קוקן אין שו"ע? ער דארף דאך ארבעטן מיט אמעריקה, דארף ער ניט קוקן אין אידישע ספרים, נאר ער וועט קוקן להבדיל אין זייערע ספרים, אויף וויסן וואס פאר א וועג מ'דארף ארבעטן, ווי אזוי מ'דארף דורך זעצן וכו' וכו'.

זאגט מען עס: מ'קאן ניט קומען צום צווייטן עקיבא איידער מ'גייט ניט צו דעם ערשטן עקיבא. די ערשטע זאך דארף ער טאן מיט דעם אידישן וועג - מקדש זיין שנים וחדשים, וואס דאס איז טאקע א ארבעט פון ר"ע, אבער פריער שטייט ר"ע אין משנה און פארנעמט זיך ניט מיט "ניחמתנו", נאר הייבן הייבט זיך אן פון עשה טוב, א ענין פון עשית מצוה, נאר ער באווארנט דעם סור מרע,

און ערשט דערנאך הייבט זיך אן ווי ר"ע קומט אראפ אין גמרא, ער גייט אבער ניט האבן צוטאן מיט גוי'עשע וועגן, הגם ער ווייס טאקע אז מ'דארף אויפטאן אין א גוי'עשע וועלט, אבער פריער דארף ער זיך האלטן מיט'ן שו"ע, וויסן וואס שטייט אין שו"ע. און ערשט דערנאך, אז עס איז איינגאנצן אויסגעהאלטן ע"פ שו"ע, און דער שו"ע זאגט אז נאכן דאוונען און נאכן לערנען (מבהכנ"ס לביהמ"ד) איז "הנהג בהם מנהג דרך ארץ", דא קומט דער צווייטער עקיבא און ער מאכט דעם "ניחמתנו" פון דרך ארץ אויך.

און דאס איז א ענין וואס איז ניט נאר נוגע ווי גערעדט פריער, אז דער "ניחמתנו" פון ר"ע האט גע'פועל'ט אויף ראב"ע און ר"ג און ר"י, ד.ה. אז די הוראה איז נוגע אפילו בנוגע די וואס לכאורה דארפן זיי ניט האבן די גאנצע באווארעניש, נאר ווי גערעדט פריער אז יעדער מוז טאן מיט זיך אליין, און ער מוז טאן מיט די וואס געפינען זיך אין זיין שיף, וואס דאס איז ב"ב ובני קהלתו, און ער מוז אויך טאן "עושי מלאכה במים רבים", מיט אידן אויף וועלכע ער קאן האבן א השפעה, און ווי גערעדט פריער אז עס קאן ניט זיין ער זאל ניט האבן קיין השפעה, וואו א איד זאל זיך ניט געפינען,

נאר דער סדר אין דערויף דארף זיין, אז פריער איז דא די משנה און דערנאך קומט מען אין גמרא סנהדרין, דערנאך קומט צום סיום פון סנהדרין וואס דאס איז מסכת מכות,

וואס דעמולט איז אויך דער סדר, אז פריער איז דא ווי ר"ע האט ניט צוטאן מיט דער גאנצער ענין פון "במחשבים", נאר כדי צו וויסן ווי אויפצוטאן אין גאס, דארף ער פריער זיין דורכגענומען מיט תורה, און ווען בא עם ווערט א תורה וועלט, א השקפה פון תורה, קאן ער אראפגייין אין "במחשבים הושיבני", אין גמ' סנהדרין, און דערנאך קאן ער אראפגייין נאך נידעריקער אז פון "קול המונה של רומי" זאל ער מאכן "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים",

ביז וואנעט אז מען דארף אויך באווארענען, ווי דער דין איז חו"מ (סי' ג, בסמ"ע ס"ק ג) וואס האט לכאורה אינגאנצן קיין ארט אין שכל, וואס דער דין איז אז בשעת מ'דארף זעצן אידן אין בי"ד זאל מען ניט זעצן קיין בעה"ב.

פרעגט מען די שאלה – פארוואס? אויב ער איז א עם הארץ, איז א רב א ע"ה סאר מען אויך ניט זעצן אין בי"ד, איז דאך דער חסרון ניט דערפאר וואס ער איז א בעה"ב נאר דערפאר וואס ער ווייס ניט קיין דין? איז דאך א סימן אז א דין ווייס ער יא, אז ניט דארף מען ניט באווארענען, ואעפ"כ, איז וויבאלד ער פארנעמט זיך מיט בעה"ב'טישע ענינים, מיט ענינים פון וועלט, מעג ער וויסן די דינים ווי זיי שטייען אין חו"מ, וויבאלד אבער אז זיין השקפת עולם, זיין קוק אויף וועלט איז א בעה"ב'טישער קוק ער איז איינגעוואוינט ווי דאס שטייט אין עולם המסחר, און ווי דאס שטייט אין עוה"ז הגשמי, איז בשעת עס וועט קומען לידי הכרעה ווערט דאס א ענין פון שוחד, דאס נעמט עס אראפ פון השקפת עולם ווי דאס איז ע"פ תורה.

און דאס איז ניט נאר אז ער ווייס ניט ווי צו פסק'נען דעם דין, נאר עס שטייט דארט אין סמ"ע אז דעת בעה"ב איז היפך דעת תו'.

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: מ'רעדט וועגן א פרומען בעה"ב, און אזא וואס האט געלערנט חו"מ, ווארום אז ניט איז דאך קיין שאלה ניט אז ער קאן ניט זיצן אין בי"ד, איז ווי אזוי וועט דאס זיין היפך דעת תורה?

איז דערפון די הוכחה, אז וויבאלד אז אין די שעות וואס ער איז מחוץ לבי"ד פארנעמט ער זיך מיט עסקי ד"א, איז "המתאבק עם מנוול מתנוול ג"כ", וויבאלד ער האט צו טאן מיט ענינים פון וועלט, מוז זיך עפעס צו טשעפען צו זיין השקפת העולם, אז ער וועט האבן א וועלטישן קוק אויך אויף תורה, און דערפאר אז עס וועט קומען צו פסק'נען א דין, איז ניט נאר דאס איז ניט דעת תורה, נאר דאס איז היפך דעת תורה.

וואס לכאורה קאן מען זיך דינגען – פארוואס איז דאס אזוי? שטייט אזוי פשוט אין דין ובעוונותינו הרבים זעהט מען דאס אזוי אין פו"מ, אז א פרומער בעה"ב וואס איז מדקדק על דקדוק קל של ד"ס, איז בשעת עס מישט זיך אריין א וועלטישער ענין און מ'דארף יוצא זיין פאר א "לאיער", ער איז א בעה"ב און ער דארף ניט אנקומען צום צווייטן בעה"ב, ער האט אבער מיט עם מסחר, און דערנאך דארף ער האבן צו טאן מיט דעם פארטיי אין וועלכן "דיסטריקט" ער וויל זיין א "קאנגרעס-מאן" צו א "סענעטאר" כו', איז בשעת ראשי ישיבות זאגן אז ע"פ תורה איז דאס אסור, איז ניט נאר וואס ער נעמט ניט אן דעת תורה, נאר בא עם ווערט היפך דעת תורה, און ער זאגט אז ער איז אויך א פרומער, און אמאל האט ער באקומען סמיכות אויף רבנות, ובמילא קאן ער זיצן אין בי"ד און ער פסק'נט היפך דעת תורה.

טענה'ט מען מיט עם: דאס איז דאך נוגע אז פופציג טויזענט אידישע קינדער זאלן זיך מתחנך זיין אין חינוך הכשר! ענטפערט ער אז ער האט סמיכות אויף רבנות, איי א רב האט א דעת תורה אנדערש – געפינט ער אויף דערויף א תירוץ. און דאס רעדט זיך וועגן א פרומען בעה"ב, און וואס ווייס אז כיבוד או"א שטייט אין עשה"ד, איז ער מעיז פנים דעם פאטער, וואס אויף דערויף איז דאך זיכער ניטא קיין תירוץ

- דאס איז דאך זיין פאטער און זיין ענין, נאר דאס ווערט דערפון וואס א בעה"ב וויל פסק'נען א דין, וויסענדיק אז ער האט א שייכות צו מסחר,

אין מסחר ביסטו דער בעה"ב, דער פוסק, אבער בשעת עס רעדט זיך וועגן חו"מ, יו"ד, אהע"ז, און או"ח, איז אסור להושיב בעה"ב בבי"ד, און הגם אז ער ווייס אויך פון דעם דין, זאגט ער אז דעם דין האט געשריבן א רב,

און לא נגע ולא פגע - דאס איז א זאך וואס ווערט געטאן ברבים,

וואס געוויס וועט דאס ניט מצליח זיין, דערפאר וואס דער אויבער-שטער וועט דאס ניט לאזן, "אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו - אלו תינוקות של בית רבן" (שבת קיט, ב), וועט מען דאך געוויס אויספירן אז די קינדער וועלן באקומען די געלט, און מ'וועט זיי מחנך זיין על יסודי התורה והמצוה, איז דעמולט וועט נאך זיין די ברייטקייט אז די בעה"ב וועלן זאגן אז מען זאל זיי געבן די געלט אויף צו טיילן, ווארום א רב איז א בטלן און ער קאן ניט טיילן.

ס'טייטש - דו האסט דאך געשריען אז די געלט טאר מען ניט נעמען ווייל עס איז אנקעגען קאנסטיטוציע, איז זאלן צוואנציג טויזענט קינדער ניט באקומען קיין חינוך און די קאנסטיטוציע זאל זיין אויסגעהאלטן. קומען גוים און זאגן אז עס איז ניט אנטקעגען קאנסטיטוציע, טענה'ט ער ניין - איך בין דער חו"מ איד, און חו"מ זאגט "דינא דמלכותא דינא".

איי רבנים האבן דאך אפגע'פסק'נט דעם דין? איז רבנים זיינען בטלנים. איי ס'איז דא כיבוד אב? איז דער טאטע א "אלד פעשאנד" איד. איי מען דארף רעגיסטרירן קינדער, און מען דארף האבן נאך א מלמד מיט נאך א כתה? איז וואס איז דאס בא עם תופס מקום בשעת ער האט די קאנס-טיטוציע אויף די פלייצעס, און מען דארף האבן צו טאן מיט א "לאיער" און מיט א צווייטן בעה"ב און מיט א דריטן בעה"ב, און מארגן דארף ער צוזאמען מיט זיי פירן מסחר,

איז ניט ער טוט דאס במזיד, נאר ער טוט דאס בשוגג, וואס עס ווייזט זיך אויס אז ער האט מכוון געווען, איז דאס באווארענט דער שו"ע: לאזט זיך לכתחלה ניט אדיין ניט אין אייער ענין! מ'מישט זיך ניט צו דיר אין מסחר, מיש זיך ניט אין חו"מ,

און דעמולט וועט זיין געזינטער פאר דעם בעה"ב, און געזינטער פאר דעם רב, ווארום פארן רב איז דאס אויך א גרויסער נסיון, ווארום די "ווײידזשעס" זיינען פאדבונדן מיט דעם בעה"ב, און א בעה"ב וואס ווייסט ניט אז עס שטייט אין חו"מ אז ער טאר ניט זיצן אין בי"ד צאלט קיין "ווײידזשעס" ניט א פרומען רב, דארף מען האבן אזא בעה"ב וואס איז יודע - ער ווייסט דעם דין אין חו"מ, ומודד בו - אעפ"כ שפארט ער זיך דוקא אין בי"ד,

בשעת ער וועט זיך האלטן אין זיין חלק, און זיך ניט מישן אין קובע זיין ר"ה און יוהכ"פ, דאס איז שייכות צו רבנים - וואס "מאן מלכי רבנן" (ראה גיטין סב, סע"א. זח"ג דנג, ב), דעמולט וועט זיין טוב לו וטוב לו, און דער עיקר (וואס איז מער פון אלץ נוגע): דעמולט וועט דאס זיין טוב לתינוקות של בית רבן.

און די אלע תירוצים וואס מ'האט, אז ס'איז אזוי געשריבן און אזוי געשריבן, איז די עדשטע זאך נוגע וואס איז געשריבן אין דער קאנסטיטוציע וואס איז געגעבן געווארן ביים בארג סיני, אז "ושננתם לבניך - אלו התלמידים" (ספרי דברים ו, ז), און כ"ז עס איז דא איין קינד וואס האט ניט דער "ושננתם" ליגט דער חיוב על כאו"א מישראל,

נאר ער האט צוויי ברירות: אדער גיב אייגענע געלט; און אויב דו ווילסט ניט לאז א צווייטן געבן די געלט, געפעלט דיר ניט - מיש זיך ניט. קיינער נייט דיר ניט זאלסט טאן היפך ווי בא דיר קומט אויס, אבער מאך ניט קאליע א צווייטן, ווערסטו ניט האבן קיין חלק אין דער מצוה - פארנעם זיך מיט אנדערע מצות, און וואס דארף מען האבן אי כתר כהונה אי כתר מלכות אי כתר מסחר וכו׳ וכו׳, גענוג אז ער וועט האבן איין כתר.

וכאמור: סוכ"ס וועט דאך זיין מלאכתו נעשית ע"י אחרים, און ווי מ׳זאגט "דעמדו זרים ורעו צאנס", אז תשב"ר וועלן זוכה זיין וועלן דאס גוים דורך זעצן. און דערנאך אז מ׳וועט דארפן נעמען די געלט וועלן זיי זיין די קופצים בראש, אז מ׳זאל דאס זיי געבן און זיי וועלן זיין די מחלקים, און זיי וועלן זאגן וועלכן מלמד מ׳זאל קלייבן און וועלכן ספר לימוד מ׳זאל לערנען.

נאר אזוי ווי מ׳געפינט זיך אין ימוה"מ מיט די אלע סימנים פון סוף מסכת סוטה, איז אזוי ווי אין ש"ס איז צוגעדרוקט די ברייתא פון ר׳ פנחס בן יאיר, וואס דארט איז ער מסיים אליהו הנביא זכור לטוב, און דערנאך זאגט מען מיט א גרויסן אמן, און זאל דער אויבערשטער העלפן אז עס זאל זיין ווי מגידים פלעגן אמאל זאגן - ובא לציון גואל ונאמר אמן.

ו. צווישן די זכרונות, ווי מ׳האט פריער גערעדט האט מען אפגעדרוקט די זכרונות פון דעם רבי׳ן דעם נשיא, דער בעל ההילולא, אזוי אויך האט מען געבעטן כמה חסידים אז זיי זאלן פארשרייבן די זכרונות וואס זיי געדענקען אדער זיי האבן געהערט פון עלטערע חסידים, און פון אנשים נאמנים, וואס זיי זיינען סיפורים בעלי תוכן, וואס איז נוגע אויך לרבים.

און דער רבי דער בעל ההילולא האט פילע מאל געשריבן, און גערעדט און געבעטן אנדערע זאלן שרייבן, אויף צוזאמענקלייבן זכרונות ימי קדם.

וואס אזוי איז דאך אויך געווען בא דעם ערשטן נשיא פון אידן, וואס דאס איז געווען משה רעיא מהימנא, האט ער אויך גלייך באווארנט "שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך" (האזינו לב, ז), אע"פ וואס דעמולט איז געווען דער דור וואס האט באקומען די תורה, און האבן געזעהן זייערע עלטערן, און אפילו די אינגערע מיט זייערע עלטערן זיינען געשטאנען בא מעמד הר סיני. פונדעסטוועגן האט מען גלייך ארייננגעשטעלט צוזאמען מיט אלע איבעריקע ענינים אין תו׳, אויך דעם ענין פון "שאל אביך" און "שאל זקניך",

וואס דערפון איז אויך דא א הוראה והרגשה אויף וויפל ס׳איז נוגע מ׳זאל אויפהאלטן, און אפהיטן, און איבערגעבן די ענינים תוכניים פון די דורות שלפנינו.

צווישן די סיפורים, וואס איז אנגעקומען פון הרב ר׳ מרדכי הכהן פערלאוו, וואס ער איז געווען כמה שנים אין תומכי תמימים ליובאוויטש. איז דא א ווארט וואס ער האט געהערט פון דעם משגיח, פון זקני החסידים בזמנו, און איינער פון די זקנים ווי ער רופט עם אן ר׳ מיכאל בלינער, צי מיכאל דער אלטער,

און ער שרייבט אויף עם אז כדי צו וויסן דעם ציור וואס פאר א מענטש דאס איז געווען, איז בשעת עס האט זיך גערעדט וועגן דעם מצב

דחוק אין די ענינים הכספיים פון דער ישיבה, און מ'האט גערעדט אז אזוי ווי מצד נחלש בריאותו במילא קאן ער ניט לערנען דעם שיעור חסידות וואס ער האט פריער געלערנט, האט מען געטראכט צי דארף מען עס צאלן דעם פולן געהאלט ווי פריער, האט דער רבי נ"ע - דער בעל ההילולא'ם פאטער - געזאגט אז דער עצם קוקן אויף אים אליין איז ווערט די געלט וואס מ'צאלט עס, דאס אליין וואס ער וועט זיין צווישן די תלמידים און מחונכים, און זיי וועלן זעהן זיין ציור און זיין אופן חייו, דאס אליין איז דער בעסטער חינוך, און עס איז ווערט די געלט וואס מען צאלט עס.

- ניט קוקנדיק אז די געלט איז געווען אויסגערעכנט, און דערפאר האט געפעלט א צווייטן וואס האט געקאנט זאגן א שיעור נגלה אדער חסידות וכיו"ב.

איז איינער פון די ענינים וואס ער דערמאנט וואס ער פלעגט אי-בער'חזר'ן - מסתמא איז דא אפשר אזוינע וואס האבן דאס געהערט פון עם - אז ער פלעגט טענה'ן מיט די תלמידים, אז בשעת מ'לערנט חסידות [במילא איז אויך פארשטאנדיק אז אויך בשעת מ'לערנט תורה בכלל] דארף דאס זיין ניט ווי מ'לערנט - אדער ווי מ'לייענט - פרעמדע בריוולעך, אז מ'לייענט וואס עס טוט זיך אין הימל. נאר מ'זאל וויסן אז דאס מיינט מען עם אליין.

און ער האט געבראכט אויף דערוף א משל, אז אמאליקע צייטן איז געווען ישוב'ניקעס, ד.ה. אידן וואס מצד פרנסה פלעגן זיי לעבן אין א שטעטל אדער א ארט, וואס עס איז געווען אדער זייער ווייניק אידן, אדער זיי זיינען געווען מערניט ווי דער ישוב'ניק אליין. במילא איז במשך הזמן, דורך אפגעריסנקייט פון א אידישע סביבה, און אויך פון א מעגליכקייט פון לערנען אין ישיבות וחדרים, איז צווישן זיי געווען אזוינע וואס ניט קוקנדיק וואס בכלל ישוב'ניקעס יענע צייטן זיינען געווען גרויסע יראי שמים'ס - העדר הידיעה איז געווען אויף אזוי פיל ביז וואנעט מ'האט ניט געקענט לייענען.

וואס איז דער סדר געווען אז עטליכע ישוב'ניקעס פלעגן זיך צוזאמענריידן אויף דינגען א מלמד פאר זייערע קינדער, און מען פלעגט אוועקזעצן דעם מלמד אין א ארט וואס איז געווען אין מרחק השוה, אין א ארט וואס איז באקוועם פאר אלע ישוב'ניקעס וואס האבן קינדער וואס לעבן אין די שטעטלעך ארום.

איז אמאל אנגעקומען א בריוו ממקום רחוק צו איינעם פון די ישוב'ניקעס, אזוי ווי ער האט ניט געקאנט לייענען, האט ער געגעבן דעם מלמד לייענען דעם בריוו, וואס זיי האבן עם געדונגען לערנען מיט די קינדער פון אלע ישוב'ניקעס אויך מיט זיינע קינדער.

בשעת דער מלמד האט אנגעהויבן לייענען דעם בריוו [אמאליקע צייטן האט דער מלמד געלייענט אן נקודות און געלייענט ווי עס דארף צו זיין - מיט הטעמה], האט זיך ארויסגעוויזן אז דער תוכן פון בריוו איז געווען, אז עס האט זיך געפעלט דעם ישוב'ניקס פאטער, ניט פאר קיין אידן געדאכט, בשעת ער האט דאס דורך געלייענט האט דער ישוב'ניק גע'חלש'ט.

פלעגט ר' מיכאל מסיים זיין צו די תלמידים - אזוי שרייבט דער הרב פערלאוו שי' - הערט זיך אין - דער בריוו האט געלייענט דער מלמד, דער ישוב'ניק ניט ער ווייס וואס שטייט אין בריוו, און ניט ער קאן לייענען דעם בריוו - אפי' ס'וואלט געווען מיט נקודות - עאכו"כ

אז עס איז נאך אן נקודות, האט לכאורה געדארפט חלש'ן דער וואס זעהט ווי די זאך איז געשריבן אין בריוו, און וואס ווייס די מיינונג פון בריוו, און ניט דער וואס הערט דאס פון א צווייטן, פונדעסטוועגן ווער האט גע'חלש'ט – האט גע'חלש'ט דער ישוב'ניק ניט דער מלמד.

וואס איז דער תירוץ אויף דעם – ביים מלמד איז דאס א פרעמדער איד, און ביים ישוב'ניק איז דאס זיין טאטע.

והנמשל מובן. בשעת מ'לערנט חסידות און מ'מיינט אז דאס איז א "צווייטנס א טאטע", קאן ער לערנען חסידות, און קאן וויסן אלץ וואס שטייט, און קאן לייענען אן נקודות, און לייענען ריכטיג און אעפ"כ ער וועט ניט חלש'ן.

בשעת עס וועט אבער אפילו לערנען א צווייטער, ער וועט אבער וויסן אז דאס מיינט מען אים, דאס איז זיין אבינו שבשמים, וועט ער חלש'ן.

און אזוי איז בנוגע צו לימוד התורה, לימוד התורה מצ"ע איז – "ות"ת כנגד כולם" (פאה פ"א מ"א), פונדעסטוועגן דארף מען וויסן די הדרכה, אז דאס מיינט מען ניט וועגן א זאך וואס איז נאר אין הימל, אדרבה "לא בשמים היא" (נצבים ל, יב), דאס איז ניתנה דא למטה בארץ.

און בשעת ער לערנט "אם בחוקתי תלכו" (בחוקותי כו, ג) – "שתהיו עמלים בתורה" (ספרא שם) – "ונתתי גשמיכם בעתם", אז ניט מ'מיינט דאס די תנאים וואס האבן געשריבן דעם ספרא, אדער פירש"י (שם) וואס ברענגט דאס אראפ פון ספרא, און ער איז מערניט דער וואס לערנט דעם פסוק אין חומש מיט'ן ספרא אדער מיט פרש"י, נאר דאס מיינט מען עם, נאר דער תנא איז געווען דער מלמד, וואס האט אפגעטייטשט דעם פסוק, און האט עס דורך געלייענט און דורך געלייענט און איבערגעזעצט אין דער שפראך, אז ער זאל וויסן זיין אז "בחוקתי תלכו", מיינט מען דאס אז דער וואס הערט דארף זיין "עמל בתורה", און דעמולט וועט זיין "ונתתי גשמיכם בעתם".

וואס דאס איז ביידע זאכן, דאס איז א לימוד זכות [און אך און וויי צו אזא מין לימוד זכות] און דאס איז אויך א אפשלאג.

עס איז דא אזויפיל וואס טענה'ן אז ער דארף זיך ניט פארנעמען מיט הפצת המעיינות חוצה, און ער דארף זיך אויך ניט פארנעמען מיט פאהשפרייטן אידישקייט ארום זיך, און ער דארף ניט זיין קיין מהדר אין א דקדוק קל של ד"ס, דערפאר וזאס אט איז דא א איד וואס איז עלטער פון עם און פרימער פון עם און קליגער פון עם, און טוט דאס אויך ניט.

דער תירוץ איז, אז דאס רעדט זיך וועגן א צווייטנס א פאטער, במילא אז יענער האט א טעות איז דאך דאס ניט קיין תירוץ אז ער דארף אויך א טעות האבן, און די הדרכה כללית, אז דאס רעדט זיך וועגן אבינו שבשמים, איז דאס וועגן יעדער איד'נס אייגענעם פאטער, און מ'דארף זיין אויסגעהיט אז "אבי ואמי עזבוני וה' יאספני" (תהלים כז, יו"ד), ווי ער טייטשט אפ אין לקו"ת (שבת שובה סז, א), אז עס איז דא אמאל א איד וואס ער שטייט ר"ל אין א מעמד ומצב אז "אבי ואמי עזבוני" – ער האט ניט קיין אייגענע הבנה והשגה, איז אמת טאקע דער סדר איז "וה' יאספני", און "אין לך דבר העומד בפני התשובה" (רמב"ם הל' תשובה ספ"ג), פילן דארף ער אבער דעם ווייטאג אז "אבי ואמי עזבוני",

ער טראכט אז הפצת המעיינות חוצה וועט טאקע ברענגען משיח'ן,

אבער ניט עס מיינט מען אז ער זאל מפיץ זיין און ער זאל ברענגען משיח'ן, עס איז ניט זיינע ביזנעס, ער דארף דורך לייענען א צווייטן'ס א בריוו און עס איבערגעבן אז דער בעש"ט האט געשריבן, אז דעמולט ווען "יפוצו מעינותיך חוצה" איז "קאתי מר מלכא משיחא". אז מ'האט איבער-געלייענט דעם בריוו צו דעם ישוב'ניק, און דערנאך גייט ער זיך אוועק און טוט וואס בא עם קומט אוים.

און בשעת מ'זאגט "ואהבת לרעך כמוך" (קדושים יט, יח), ווי ער זאגט אין תנדב"א (רבה פ"ז ) "כי תראה ערום וכסיתו", אז בשעת מ'זעט א איד וואס איז ערום מן תומ"צ "איז "וכסיתו", מ'זאל עם אנטאן א טלית, ווי ער איז דארט מאריך די אלע פרטים פון דער מצוה, לייענט ער דורך דעם תנדב"א רבה, און דרוקט דאס אפ און איז דאס מפרסם און זאגט דאס אין א דרשה וכו', און ער האט געלייענט דעם בריוו צום ישוב'ניק, אבער ער זאל חלש'ן - וואס פאר א שייכות האט דאס צו עם, דאס איז א עניין וואס טוט זיך אין הימל, אדער וואס טוט זיך אין עם, און ער איז בין השמים והארץ,

און אויף דערוף זאגט מען די הדרכה, דאס מיינט מען ניט יענעם, דאס מיינט מען עס, במכ"ש וק"ו, מה דאך אז דער מיטעלער רבי (ראה סה"מ קונטרסים ח"ב ע' 712) בשעת עס איז געקומען צו גיין איינער און געפרעגט א תיקון אויף א עניין וואס איז געווען לגמרי שלא בערך בכלל פון אנושיות, האט ער זיך גלייך געכאפט אז וויבאלד אז מ'פרעגט בא עם איז א סימן אז מ'דארף עפעס בא זיך באווארענען, האט דער מיטעלער רבי געדארפט פאסטן טעג און וויינען און זאגן תהלים ביז וואנעט מ'האט עם מגלה געווען וואו דאס איז בא עם דא, טראכט ער בהנוגע צו זיך אז ער וועט ניט דארפן פאסטן, ער וועט ניט דארפן הארעווען, עס איז בא עם דעת לנבון נקל, ווי ער זאגט אין תניא אז אפילו בהתבוננות קלה, וועט ער זיך אויף כאפן וואס ער קאן טאן, וואס עס פעלט, און וואס ער דארף אויפטאן,

עס דארף אבער זיין די הנהה כללית, אז יעדער זאך וואס טרעפט זיך אין זיינע ד"א מיינט מען דאס עם, עס קאן זיין א צווייטער אויך, אבער בעיקר, ווי דער בעש"ט האט געזאגט (היום יום ע' נב, הוספות לכש"ט (הוצאת קה"ת) ע' 68) אז יעדער זאך וואס א איד זעהט אדער הערט איז דאס א הוראה אין זיין עבודה צום אויבערשטן,

ולכאורה וואס טוט דא אויף דער משל ס'איז דאך א דבר הפשוט? דער קונץ איז אז נאך דערוף ווי מ'הערט דעם משל, און נאך דערוף ווי מ'ווייס דעם דבר הפשוט, אעפ"כ רעכנט מען אז ס'איז יענעמס טאטע. און ער איז דער מלמד וואס לייענט דעם בריוו, נאר וואס דען אין די בריוו שטייט א מ'דארף קיין טעות ניט האבן, און מ'דארף וויסן אז ס'איז דער אייגענער טאטע, אז דאס גופא מיינט מען אים אליין [אמאל פלעגט מען זאגן אז "איך משיחין בסעודה" (תענית ה, ב) אפילו אז איך משיחין בסעודה], ער לייענט דעם בריוו און זאגט אז דאס מיינט מען עם, און דאס גופא גיט ער איבער דעם צווייטן, ווארום עם זאל מען דאס מיינען דאס קאן גארניט זיין.

וכאמור כמה פעמים, ווי דער רבי דער בעל ההילולא, האט געזאגט, אז עס איז די לעצטע טעג פון גלות, און דער אויבערשטער ברענט די ווענט פון גלות, און עס איז אט אט "יוצאים ביד רמה", איז דאך א שאד יעדער פעולה וואס מ'האט געקאנט טאן, און מ'טוט איר נישט, האלט מען דאך אויף שכינתא ושתים רבוא מישראל נאך א רגע אין גלות.

און פארוואס טוט מען דאס, דערפאר וואס ער האט זיך איינגעשמועסט אז דאס איז יענעמס טאטע און ער איז מערניט ווי דער "ראלמעטשער", ער האט זיך איינגעשמועסט, אז ער איז דער מלמד וואס דארף דורך לייענען דעם ישוב'ניק וואס שטייט אין ברייוו.

און אז מ'וועט עם זאגן אז דער ישוב'ניק קאן אליין לייענען וועט ער זיין ברוגז, וואס הייסט ער איז דער למדן, אין וואס באשטייט זיין לומדות אז ער זאל זאגן א צווייטן ער זאל חלש'ן, אבער ער זאל חלש'ן - ער איז א בעל מוחין, און צו עם האט דער ענין בכלל קיין שייכות ניט.

וואס דאס איז אויך די הוראה : אס מ'האט געזעהן פון דעם בעל ההילולא, אז צוזאמען דערמיט וואס ער האט געהייסן א צווייטן טאן, איז ניט נאר וואס ער האט זיך עוסק געווען אין לערנען קבלה מיט א צווייטן, חסידות מיט א צווייטן וכיו"ב, נאר ער האט געלערנט א"ב מיט א צווייטן, און געלערנט וועגן לייגן תפלין מיט א צווייטן, און געלערנט ווי אזוי מ'דארף באווארענען ער זאל עסן כשר מיט א צווייטן,

וואס לכאורה אויף באווארענען א צווייטן אידן ער זאל עסן כשר, ניט גלאט כשר, נאר כשר כפשוטו אן קיינע הידורים - און ניט דעם היפך שבזה, איז דאס האט מען געדארפט האבן דוקא דעם ליובאוויטשער רבי'נס ממלא מקום. ער האט געקאנט שיקן דעם משרת, וואלט ער דאס אויך יענעם ערקלערט.

האט ער אבער גע'טענה'ט, אז וויבאלד דאס איז בא לידך איז א סימן אז דאס איז זיין בירור, און דאס איז ניט דער פירוש הערפאר וואס ער דארף יענעם מציל זיין, און דורך דערוף וועט ער זיך מציל זיין,

- ובדרכיו אשר הורנו ונלכה באורחותיו, וויבאלד ער האט דאס איבערגעגעבן און ער האט דאס געזאגט, און געלייגט א הדגשה, און באוואָ-רנט אלע תירוצים, און געזאגט אז מען קאן די תירוצים אויך זאגן אז עס האט א שייכות צום צווייטן, זאל מען אבער וויסן זיין, אז דאס מיינט מען דעם אויף וועמען דאס איז צוגעפאסט, און ער זאל פרעגן בא א צווייטן צי עס איז צוגעפאסט, ווארום אהבת עצמו איז מכסה על כל העניינים, איז לאחרי זה האט מען די הבטחה, אז אויב מ'וועט נאר וועלן איז מסייעין אותו בכלל, ובפרט דער בעל ההילולא אליין, וואס כאמור לעיל, אז אין דעם מאמר פון יום ההילולא האט ער איבערגעגעבן אז יעדער איד האט אויף זיך דעם ציווי להשכין אור הסובב דא למטה, און אין א אופן פון גילוי, אז עס זאל זיין ושכנתי בתוכם - בתוך כאו"א מישראל.

ז. צוה לנגן ואמר את המאמר ד"ה באתי לגני.

ח. פון דעם וואס מ'האט פריער גערעדט בנוגע דעם סיום המסכת, זעהט מען אויך וויפל תורה איז "הפך בה והפך בה דכולא בה" (אבות פ"ה מכ"א), וואס עס ווערט דערציילט אז ר"ג וראב"ע ור"י ור"ע היו מהלכין וכו', און ער איז מסיים "בלשון זה אמרו לו עקיבא ניחמתנו",

וואס אין דעם ביאור וואס האט זיך פריער גערעדט האט זיך אלץ גערעדט בנוגע דעם סיפור שני, וואס דאס איז: "פעם אחת היו עולין לירושלים" וכו', אבער דאס קומט דאך בהמשך צו דעם סיפור הראשון: "וכבר היו ר"ג וראב"ע ור"י ור"ע מהלכין בדרך, ושמעו קול המונה של רומי", און דערנאך קומט דער צווייטער ענין וואס "היו עולין לירושלים",

און ווי מ'האט פריער גערעדט, אז כפשוטו איז דאס געווען אין דעם זמן לאחר החורבן, וואס דערפאר איז דאך געווען די "המונה של רומי", און ס'איז אויך געווען דער "ציון שדה תחרש", וכמבואר בארוכה לפני זה,

אזוי ווי פון אלע ענינים אין תורה, איז אזוי אויך אין דעם ענין דא א לימוד והוראה בעבודת השם, והתורה נצחית אויך בזמננו אלו,

וואס דער ביאור איז א מוכרח, און דוקא דורך עס ווערן פארענטפערט די אלע פרטים, וואס אויב מ'זאל לערנען מערניס ווי די סיפורים אליין דיינען זיי ניט פארשטאנדיק. און ס'איז אויך פארשטאנדיק אז די שני סיפורים דארפן האבן א קשר ביניהם, און פון דעם קשר דארף מען אויך ארויסנעמען א הוראה בעבודת השם,

וואס אע"פ וואס זיי זיינען דאך געווען תנאים, און צווישן תנאים גופא - פון די גרויסע תנאים, איז דאך "אם הראשונים כמלאכים" איז דאך "אנו כו'" (שבת קיב, ב), מיט די אלע דרגות למטה מטה, ווי מ'רעכנט אויס די חילוקים מדור לדור, ועאכו"כ אין דרא דעקבתא דמשיחא, בדורנו יתום זה, ואעפ"כ, איז וויבאלד אז מ'האט דאס ארייגעשטעלט אין תורה איז א סימן אז דאס ווערט א חלק פון תורה, און א הוראה ולימוד ביז אין "המעשה הוא העיקר" (אבות פ"א מי"ז), אין מעשה בחיי יום יום,

און ווי גערעדט פריער, אז די פיר תנאים זיינען כולל כל החלוקות וואס עס איז דא בא אידן: ראב"ע איז דאך געווען א כהן, דור עשירי לעזרא; ר"י בן חנניא איז געווען א לוי; ר"ג איז געווען א ישראל; און ר"ע איז געווען פון בני בני אברהם אבינו וואס זיינען דערנאך צוגעקומען, וואס ר"ע איז געווען מבני גרים, וואס דאס איז דאך כולל די אלע חלוקות ביי אידן, און כולל כל ישראל כולם.

איז נאך דערוף וואס זיי האבן באוויזן און דורך געטראטן די וועג, איז כ"א במקומו ובזמנו קאן דערפון אפלערנען א הוראה בעבודתו הוא.

וואס ע"ד ווי ס'איז דא די ענינים תמוהים (ווי פריער גערעדט), אין דעם סיפור השני, אזוי איז דא כמה פרטים הדורשים ביאור אין דעם סיפור הראשון,

וואס דער סיפור הראשון איז אז "היו מהלכים בדרך ושמעו קול המונה של רומי כו', התחילו בוכין, ור"ע משחק", האבן זיי געפרעגט בא ר"ע'ן אויף וואס קוועלט ער, האט ער בא זיי געפרעגט "ואתם מפני מה אתם בוכים", האבן זיי עם אויף דערוף געענטפערט אז "הללו...שמשתחווים לעצבים ומקטרים לע"ז" שטייען אין אזא מצב, און דער ביהמ"ק "בית הדום רגלי אלקינו שרוף באש",

האט זיי ר"ע אויף דערוף געענטפערט, אז דערפון איז ער משחק, ווייל "ומה לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכו"כ". און דערנאך ווערט ערשט דערציילט דער סיפור וואס "היו עולין לירושלים כו'".

וואס בפשטות הענינים איז דאך די אלע תנאים וואס מ'רעכנט אויס, איז מקום הקבוע של דירתם איז געווען אין א"י, און דער ענין וואס "היו מהלכין בדרך", ביז וואנעט מ'איז אוועקגעגאנגען אזוי ווייט אז עס האט זיך געהערט ק"כ מיל פון רומי, דאס איז דאך געווען א ענין של ארעי, און דאס וואס זיי זיינען געגאנגען אין ירושלים איז דאך געווים געווען א סאך א לייכטערע זאך ווי די אלע פיר זאלן זיך צוזאמענטרעפן און אלע זאלן גיין אין דעם וועג וואס פירט לרומי,

וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט חו"ל, ובמילא איז דאך דאס פארבונדן מיט אוירה און מיט גושה (ראה שבת טו, א-ב), וואס דאס איז אלץ היפך הטהרה, און עס איז דאך געווען ראב"ע, און ר"ג וואס ער איז געווען דער נשיא, וכו׳ וכו׳, איז דאך דאס א מאורע ומקרה יוצא מן הכלל, אז זיי זאלן האלטן בדרך אזוי ווייט פון ירושלים ביז וואנעט מ׳דערהערט רומי, און זייער מקום העיקרי איז אין די וועג וואס מען גייט קיין ירושלים,

וואס אע"פ וואס יעדערער האט דאך געהאט זיין ישיבה במקום מיוחד, ווי ס׳איז געווען במקומו של הנשיא ר"ג, אדער ישיבת ר"ע בבני ברק (ראה סנה׳ לב, ב) וכיו"ב, אבער בכל אופן האבן זיי אלע געלעבט אין א"י,

איז דאך מצד סדר הסיפורים דארף דאך פריער זיין דער "תדיר קודם" (ראה זבחים פט, א), א ענין וואס אין דערויף איז ניט געווען קיין יוצא מן הכלל - אז זיי זאלן זיך אלע טרעפן אין ירושלים; און ערשט דערנאך דערציילן א ענין וואס איז יוצא מגדר הרגיל, און דארף האבן טעמים מיוחדים אז זיי אלע פיר זאלן אוועקגיין אין רומי, און דער סדר איז פונקט א סדר הפכי?

דערנאך זעהט מען א שינוי צווישןביידע סיפורים: בשעת ר"ע האט זיי געענטפערט "מה לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכו"כ", און זיי האבן ר"ע׳ן ניט אפגעשלאגן, וואדום אז ניט וואלט מען דאך דאס געדארפט ברייננען, איז אעפ"כ שטייט ניט אז זיי האבן געזאגט ר"ע "עקיבא נחמתנו", און בא דעם סיפור פון "היו עולין לירושלים" דוקא שטייט "עקיבא נחמתנו כו׳"?

וואס אע"פ וואס עס זיינען דאך דא מפרשים (ראה חדא"ג שם) וואס ווילן פארענטפערן אז זיי האבן דעמולט געזאגט צוויי מאל "עקיבא נחמתנו", איינמאל אויף דעם ערשטן סיפור און איינמאל אויף דעם צווייטן סיפור,

איז דעדפון אבער וואס די גמרא זאגט דעם לשון "שוב פעם אחת", איז דאך די משמעות אז עס איז געווען אין צוויי באזונדערע צייטן, ניט בהמשך אחד, ווארום אז ניט איז דאס ניט "שוב פעם אחת", נאר "לאחרי זה" וכיו"ב, איז אויב זיי האבן מכיר טובה געווען צו ר"ע׳ן בשעת ער האט זיי געענטפערט "ומה לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכו"כ", איז דאס האבן זיי געדארפט דאן מיט די נתינת תורה אז אפשר וועט מען זיך טרעפן נאך אמאל און זיי וועלן וויינען און ער וועט קווענן, און אפשר וועט ער זיי ענטפערן א תירוץ וואס וועט בא זיי נתקבל ווערן, וועלן זיי עס יעמולט אפדאנקען פאר דעם ערשטן סיפור אויך?

וואס דאס איז דאך א ענין פון "ועשית הישר והטוב" (דברים ו, יח), אז בשעת א אידן קומט א תודה, דארף מען עס דאס אפגעבן, אפילו ווען ס׳איז <u>זיכער</u> אז מ׳וועט האבן א צווייטע געלעגנהייט און מ׳וועט דאס קאנען מצרף זיין, ועאכו"כ בנדו"ד, וואס ס׳איז דאך ניט קיין זיכערקייט אז אלע פיר וועלן זיך נאך אמאל טרעפן, און עס וועט אויך זיין די זעלבע זאך - אז איינער וועט טאן פונקט פארקערט פון די אנדערער. וואס בא זיי האט זיך דאך ניט געלייגט אז ר"ע וועט דעמולט קווענן, ווארום אז ניט וואלטן זיי דאך ניט געפרעגט די שאלה, איז דאך דאס אלץ געווען א ענין של חידוש, קאן מען דאך ניט זאגן אז זיי האבן געווארט מיט די נתינת תודה (און מיט איינמאל אפדאנקען פאר צוויי מאל) כדי צו פארשפארן א טרחא?

וואס ע"פ האמור לעיל איז מובן אז דער ענין פון לאחרי החורבן באשטייט אין צוויי ענינים. דער ענין החורבן איז דאך אז מ׳זאל זיך גלייך אנהייבן גרייטן צו דער גאולה, און ווי דערציילט אין מדרש איכה (פ"א, נא), אז "געתה פרתו" בא א ערבי, האט ער געזאגט צו דעם אידן וואס איז געווען בא עם, אז עס איז חרוב געווארן דער ביהמ"ק, און גלייך לאחרי זה איז "געתה פרתו פעם שני׳", האט ער געזאגט אז איצטער איז גלייך "נולד מושיען של ישראל", איז גלייך נאך די רגע החורבן הייבט זיך אן די רגע פון גאולה.

נאר דאס איז ע"ד ווי גערעדט אין מאמר, אז אצי׳ שטייט דא למטה, און נבואה שטייט דא למטה, נאר דער מקבל פעלט, ועד"ז בנוגע להחורבן: גלייך נאך רגע החורבן איז געתה פרתו ונולד מושיען של ישראל, און מ׳דארף נאר האבן עס זאל זיין דער "בקולו תשמעו" (ראה סנה׳ צח, א) פון דעם "מושיען של ישראל", און דורך דעם "בקולו תשמעו", קומט דער-נאך דער ענין הגאולה,

אין וואס באשטייט דער "בקולו תשמעו"? איז דאס אויף אראפנעמען דעם ענין פון מפני חטאינו, ווארום דער ענין החורבן והגלות איז דאך ניט געווען ח"ו מצד דעם וואס טיטוס ואספסינוס האבן געהאט מערער חיות, און בעסערע כלי זין , און דערפאר האט מען געקאנט ארויס-טרייבן אידן פון א"י, וואס אויב מ׳זאגט אזוי איז דאס א ענין פון כפירה, נאר ס׳איז מערניט וואס "מפני <u>חטאינו</u> גלינו מארצנו", און לולא זאת וואלטן טיטוס און אספסינוס און כל מלכי מזרח ומערב ניט געקאנט רירן אידן פון א"י,

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז אויב מ׳וויל מבטל זיין א מסובב, דארף מען מבטל זיין די סיבה. עס האט דאך קיין ארט ניט אז די סיבה זאל בלייבן בתקפה, און מ׳וועט זיך מטפל זיין מיט מבטל זיין דעם מסובב.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז איידער עס הייבט זיך אן דער "עולין לירושלים", דארף פריער זיין "מהלכין בדרך" אויף מבטל זיין דעם ענין פון ומפני חטאינו,

וואס דער ביאור בזה איז, ובהקדם: ס׳איז דאך "צדקה עשה הקב"ה בישראל שפזרן לבין האומות" (פסחים פז, ב), און מ׳טייטשט דאס אפ אין חסידות און אין קבלה, אז אזוי ווי עס זיינען דא ניצוצות קדושה וואס געפינען זיך בכמה וכמה מדינות, איז דורך דערוף וואס פיזר הקב"ה את ישראל לבין העמים, קלייבט מען צוזאמען די אלע ניצוצות קדושה פון גלות, און בשעת מ׳וועט פארענדיקן דעם "קיבוץ גליות" פון די ניצוצות הקדושה, פארענדיקט זיך דער גלות און עס קומט די גאולה.

פרעגט מען אויף דערוף: אויב אזוי איז דאך ניט "מפני חטאינו גלינו מארצנו", ווארום אפילו ווען עס וואלט <u>ניט</u> געווען קיין חטאים, וואלט מען אויך געדארפט גיין מארצנו – כדי צוזאמענקלייבן די ניצוצות קדושה, און מ׳זעהט דאך אז עס איז ניט אזוי?

שטייט אויף דערוף דער תירוץ וביאור, אז אויף נעמען א ניצוץ און עס בריינגען למקורו איז דא צוויי וועגן: איין אופן איז בשעת מ׳מאכט א גרויסן פלאם פייער, וואס א אבוקה ציט צו זיך צו (בטבע) ניצוצי אש, אפילו אזעלכע וואס געפינען זיך ניט בקירוב מקום, און וואס גרעסער די אבוקה, קאן זי צוציען די ניצוצות קדושה פון א מקום רחוק ביותר.

[ וואס דערפאר איז בשעת "וישב שלמה על כסא ה׳" (דה"י א כט, כג),
יואס דעמולט איז געווען ווי ער זאגט אין מדרש (שמו"ר בא פט"ו, כו)
"קיימא סיהרא באשלימותא", קדושה איז געווען בתוקף, און דער "שמש
הוי׳" (תהלים פד, יב) האט מאיר געווען מיט דעם גאנצן שטורעם און
מיט דעם גאנצן פייער, האט דאס צוגעצויגן, ובמילא האט שלמה ניט גע-
דארפט פארן אין ארץ שבא און ארויסנעמען די ענינים וואס האבן צו עס
געהערט, נאר "ומלכת שבא שומעת"(מלכים י"ד א. דה"י ב ט, א), דארטן
האט זיך דערהערט דער פייער און די קדושה און די חכמה פון שלמה,
און דערפאר האט מען פון דארטן גענומען ענינים וואס האבן געהאט א
שייכות צו שלמה, און מען האט דאס עס געבראכט אין ירושלים עיה"ק ].

בשעת אבער עס איז געווארן דער עניין פון חטאינו, ובמילא איז
געווארן בא אידן די אבוקה ניט אזא שטורעמדיקע און ניט אזא גרויסע,
איז זי ניט גענוג גרויס אויף קאנען צוציען א ניצוץ וואס געפינט זיך
אין רומי, און צוליב דערויף דארף מען אוועקגיין אין רומי, ווארום
אויב ניט קאן דער ניצוץ דארטן בלייבן,

וואס דער לעצטער גלות איז דאך "כימי צאתך מארמ"צ" (מיכה ז,
ו), וואס אזוי ווי אין "ימי צאתך מארמ"צ" האט מען דאך קיין איד...
ניט געקאנט לאזן אין מצרים, און אלע האבן גערדארפט ארויסגיין פון
דארטן, וואס אזוי ווי עס שטייט אויף די מצריים "לא נשאר בהם עד
אחד" (בשלח יד, כח), עד"ז איז דאס געווען אין קדושה אז קיינער האט
דארט ניט געטארט בלייבן,

איז אזוי איז אויך דער איצטיגער גלות, וואס דאס איז ניט ווי
גלות בבל ויון ופרס ומדי, וואס דערנאך איז געווען א גאולה אבער א
טייל אידן זיינען געבליבן אין חו"ל, נאר דאס איז א גלות וואס פון
איר וועלן אלע אויסגעלייזט ווערן. און ווי אזוי קאנען אלע אידן
גאל ו׳ערן - אז אלע ניצוצות קדושה וועלן נתאחד ווערן במקורס.

[ וואס דערפאר איז דוקא די גאולה האחרונה פארבונדן מיט דער
הבטחה "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי׳ יג, ב.) ווארום טומאה
קאן האבן א מציאות נאר דורך דערויף וואס אין איהר געפינט זיך א ניצוץ
קדושה. בשעת מ׳וועט אבער צוזאמענקלייבן אלע ניצוצות קדושה האט טומאה
ניט פון וואס צו האבן א מציאות, במילא ווערט דאס בטל און אויס מציאות,
ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" ].

וואס בשעת עס איז געווארן "מפני חטאינו", האט געפעלט אין דעם
תוקף האבוקה פון דעם "נר ה׳ נשמת אדם" (משלי כ, כז) פון יעדער אידן,
דעמולט האט געמוזט זיין "גלינו מארצנו" אין ארצות אוה"ע, אויף צוזאמען
קלייבן די ניצוצות קדושה וואס געפינען זיך אין פארשידענע מדינות.
ביז עס קאן ניט זיין דער "עולין לירושלים", בויען דעם ביהמ"ק און
ברייגנען די גאולה, איידער ס׳איז דא דער "מהלכין בדרך", אין "דרך
ה׳ לעשות צדקה ומשפט" (וירא יח, יט), וואס "צדקה עשה הקב"ה בישראל
שפזרן לבין האומות" אויף צוזאמענקלייבן פון דארטן "האובדים בארץ
אשור והנדחים בארץ מצרים" (ישעי׳ כז, יג).

וואס דערפאר איז דער סדר אז עס קאן ניט זיין אז כללות ישראל
זאל "היו עולים לירושלים", און קוקן וואס טוט זיך מיט דעם ביהמ"ק,
ביז וואנער קאן מען עס שוין בויען, איידער עס איז פריער דא דער "היו מהלכין
בדרך",

און ס׳איז ניט דער פירוש אז "היו מהלכין בדרך" און מ׳וויל ניט

האבן צוטאן מיט וועלט, נאר ער טראכט זיך אני את נפשי הצלתי, און וואס איז עס נוגע וואס עס טוט זיך מיט א צווייטן אידן, וואס עס טוט זיך מיט א צווייטן ניצוץ קדושה, נאר מען זאגט אז זיי האבן דערהערט וואס עס טוט זיך אין רומי, און ניט זיי האבן דערהערט מער- ניט ווי די בתי כנסיות דארט, זיי האבן דערהערט די "עוברי רצוננו" פון רומי,

לכאורה - אז "היו מהלכין בדרך" האט מען דאך זיכער גערעדט אין תורה, איז בשעת מ'רעדט אין תורה ווי האט מען דאס א ארט אין קאפ אויף דערהערן וואס עס טוט זיך בא א גוי, ועאכו"כ ווי זיי האבן געזאגט אז דאס איז "משהחווים לעצבים ומקטרים לע"ז", וואס דאס איז דאך די עבודה וואס זי איז "חביבה מן כל הקרבנות" (במדב"ר פי"ח, ז)?

וואס דאס איז אויך דער דיוק (אין לעו"ז) וואס די גמ' איז מדייק אז זיי זיינען ניט נאר "משתחווים לעצבים" נאר "מקטרים לע"ז". דלכאורה - וואס איז בא גוים די נפק"מ? א גוי איז נצטווה געווארן אויף ע"ז, ובמילא איז פארשטאנדיק פארוואס זיי דערמאנען "משתחווים לעצבים" ווייל "ויצו הוי' אלקים" (בראשית ב, טז) איז "ויצו זה ע"ז" (סנה' נו, ב), און רומי איז עובר אויף דעם, אבער וואס איז מען דערנאך מוסיף "ומקטרים לע"ז"?

נאר בשעת ס'איז "מהלכין בדרך" אויף צוזאמענקלייבן די אלע ניצוצות קדושה, דארף מען האבן פון דעם קטורת דלעו"ז כדי אויפצו- שטעלן די קטורה אין קדושה.

וואס דאס איז דאך די דבר פלא וואס מ'מאטערט זיך ע"פ נגלה, וואס אזוי איז דאך "לא הוכשרו למלאכת שמים אלא מן המותר בפיך" (שבת כח, ב. קח, א. מכות יא, א), ס'איז אבער דא א יוצא מן הכלל - דער ענין הקטורת, וואס דער רמב"ם (הל' בלי המקדש פ"א ה"ג. פ"ב ה"ד) פסק'נט אפ אז דער מור שבקטורה איז דם די' ידועה, וואס דאס איז א חי' טמאה, און מען זוכט הידוצים אויף דעם אז עס איז נתהפך געווארן און געווארן היתר, מיט די גאנצע אריכות שקו"ט וואס עס איז דא בזה. פונדעסטוועגן געפינט מען ניט אזא מציאות אין אנדערע עבודות, מערניט אין דער עבודה פון קטורת.

ועד"ז בנוגע צו יוהכ"פ, איז אין וואס איז דער אויפטו פון יוהכ"פ על כל השנה כולה - דער כניסה לקדה"ק, ניט צולאזן דעם "שועל יוצא ממקום קדה"ק", און די עבודה דארט איז נאר עבודת הקטורת.

וואס דערפאר איז אידער שעלו לירושלים, און ווילן זעהן וואס עס טוט זיך מיט קדה"ק, נאך דערוף וואס "כבר הגיעו להד הצופים קרעו", האט מען געדארפט אין "מהלכין בדרך" אויך האבן די צוויי זאכן, וואס דערפאר האט מען געדארפט זאגן אז "גוים הללו משתחווים לעצבים" און נאך מערער - (לעומת עבודת הקטרת, וואס דאס איז די איינציגע עבודה אין קדה"ק), אז זיי זיינען "מקטרים לע"ז",

וואס בשעת ס'איז געווען "מהלכין בדרך" איז אויך דא די שני אופני עבודה: סור מרע, און עשה טוב, וואס בכללות איז דאס וואס מ'זאגט "בכי' תקיעא בליבא מסטרא דא וחדוא דקיעא בלבא מסטרא דא", און ווי ער זאגט אין זהר (ח"ג עה, א. וראה שם ח"ב רנה רע"א) אז בא יעדער אידן דארף זיין ביידע ענינים, און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא (פל"ד) און אין אגה"ת (פי"א) ווי אזוי מ'קען דאס אויספירן בא זיך,

וואס מצד חדוא תקיעא בלבא מסטרא דא איז ער משחק, און מצד בכי' תקיעא בליבא מסטרא דא איז ער בוכה, און דערנאך פרעגט איינער ביים צווייטן "מפני מה אתם בוכין" און "מפני מה אתה משחק",

איז אין מושכל ראשון לייגט זיך אז בשעת מ'געפינט זיך אין ארץ הלזו הגשמית, וואס דא איז דאך ווי ער זאגט אין ע"ח און דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ (תניא פ"ו, כד) אז "הרשעים גוברים בו", און דערפאר ווערט ער אנגערופן עולם הקליפות וסט"א וכו' וכו', איז די ערשטע הנחה דארף דאך זיין אז מ'דארף אנטלויפן פון וועלט, און בשעת מ'דערזעהט וועלט דארף מען אנהייבן וויינען, ווארום דאס איז די ירידה מלמעלמ"ס, מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, כדי צו האבן צו טאן אין דעם בעסטן אופן מיט אכילה ושתי' כו'. וואס אין דערויף איז דער בנ"א "אוכל ושותה כבהמה",

און אין דערויף האט מען קיין ברירה ניט ביז וויאנעס אז אפילו משה רבינו כשעלה להר, איז לויט ווי די מדרש (ראה שמו"ר פמ"ז, ז) האט ער געהאט דערפון צער וואס ... ארבעים יום איז לחם לא אכל ומים לא שתה, וואס דאס איז זייענדיק אין הר סיני, אין האבנדיק צו טאן מיט קבלת התורה, איז נאך איין דעה איז ניזון מזיו השכינה, און די צווייטע דעה איז אז נצטער, וואס דאס איז אפילו נשמת משה רבינו, וואס (ווי געדעדט פריער) דא למטה איז געשטאנען א נשמה דאצילות,

וואס דערפאר איז די ערשטע הנחה וואס עס לייגט זיך בא א כהן און בא א לוי און בא א ישראל איז, אז עס דארף זיין "בוכין". בשעה עס קומט אבער צו דעם ניצוץ קדושה וואס ער איז ניצל געווארן במסה במסה, און מ'האט פון עם געמאכט "הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה" (תבוא כח, מג) און ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ אין לקו"ת (ואתחנן ס, ד) אז "ה' שומר את גרים" גייט דאס אויך אויף די ניצוצי קדושה שנפלו בשבה"כ אדער ע"י חטא אדה"ד, איז ער דערזעהט אז ווען עס וואלט ניט געווען "מהלכין בדרך" איז ווער ווייס וואס מיט עס וואלט זיך געטאן, איז דערפאר קוועלט ער און, ווארום ער איז דאך געווען מבני גרים,

ועאכו"כ אז דאס איז דאך געווען לאחר החורבן, וואס דעמולט איז דאך געווען די אבוקה שלא בתקפה, וואס דערפאר האט געדארפט זיין דער "גלינו מארצנו". איז וויבאלד אז פון דער רגע החורבן דארפן אידן גלייך הארעווען אויף ברענגען די גאולה, דארף מען ניט אנהייבן פון ירושלים, נאר די ערשטע זאך דארף מען מבטל זיין די סיבה - מפני חטאינו, וואס דערפאר איז די התחלה פון "מהלכין בדרך",

און אין וואס פאר א אופן איז "מהלכין בדרך", איז אמת טאקע - "ת"ת כנגד כולם", דערנאך איז אבער דער רמב"ם מוסיף (הל' ת"ת פ"ג ה"ג. פיה"מ פאה פ"א משנה יא בסופה. וראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ה"ג) - אז פארוואס איז שקולה כנגד כולם דערפאר וואס זי איז מביא לידי מעשה. לכאורה - נאך וואס דארף מען האבן דעם סיום? עס איז גענוג וואס זי איז אזא גרויסע מצוה ווי אלע מצות, און נאך גרעסער ווי אלע מצות? זאגט דער רמב"ם ניין! ניט דאס איז דער אויפטו פון תורה, דער אויפטו פון תורה איז, אז זי איז דערנאך מביאה לידי מעשה. און דאס איז די גרעסטע גרויסקייט אין די גרויסקייט פון תורה גופא, וואס דערפאר איז נאך דעם "ללמוד וללמד לשמור ולעשות" שטייט ערשט דערנאך "לקיים",

וואס דערפאר איז דער סדר, אז אמת טאקע: זיי זיינען געגאנגען ווי מ'דארף גיין בדרך; עס דארף אבער זיין דער גיין אין אזא אופן, אז מ'זאל דערהערן אז עס איז דא אין וועלט א רומי, און ניט דערהערן כדי דערנאך זאל מען זיך לייגן שלאפן, נאר דאס דארף אים דערנעמען, אדער אין צד פון "בכי' תקיעא בליבא מסטרא דא", אדער אין דעם צד פון "חדוה תקיעא בליבא מסטרא דא", און דעמולט איז דאס א הליכה בדרך ווי א איד גייט בדרך.

איז דער מושכל ראשון איז אז בשעת מען גייט בדרך ניט בביתו, איז דאס שוין א טלטול, און דאס איז דאך ווי עס שטייט בנוגע צו דעם ציווי פון "לך-לך מארצך וממולדתך מבית אביך" (לך לך יב, א) אז טלטול הדרך איז ממעט בנים, ממון, און שם (ב"ר לך לך פל"ט, יא. רש"י ר"פ לך לך), אלע ענינים וואס א איד האט - "בני חיי ומזוני", איז דערפאר פון די עצם הליכה אליין טויג שוין ניט, און ווער רעדט נאך אז מ'האט נאר דערהערט המונה של רומי, איז געווארן "היו בוכין",

קומט אבער צו גיין ר"ע און זאגט אז לאמיר אויף עס א קוק טאן, ער איז געוועזן א ניצוץ פון קדושה, און געוועזן פריער ווער ווייס וואו, און איצטער איז "כולהו אליבא דר"ע", וואס הי' הדור שמם (ראה יבמות סב, ב) און ער וועט אויפשטעלן תורה פאר כל הדורות הבאים, וואס דערפאר איז בא עם דער "חדוא תקיעא בליבא" אויך בלי הגבלות, ביז דאס איז ארויסגעגאנגען אין א אופן פון שחוק.

פרעגט די זייט וואו "בכי' תקיעא בליבא" - וואס איז דא די קווענעניש? ס'וואלט דאך געווען בעסער אז עס זאל ניט זיין קיין גלות און זיצן בארצנו און לערנען תורה און מקיים זיין מצות, און באווארענען ניצוצות קדושה - וועט דאס דער אויבערשטער טאן,

ובפרט אז דא רעדט מען ניט וועגן די ניצוצות קדושה וואס געפינען זיך אין חלק הרשות; אפילו ניט וועגן די וואס זיינען מבגד אויף ששת מצות ב"נ, גילוי עריות, ש"ד, אבמה"ח, כו' די אלע זעקס מצות, אבער זיי רירן ניט אן עצומ"ה, נאר דא רעדט מען וועגן א ניצוץ קדושה וואס איז אריינגעפאלן אין דעם ענין פון ע"ז,

וואס בשעת מ'דרש'נט פון "ויצו הוי' אלקים" די שבע מצות, איז די התחלה פון מצות ע"ז, וזאס דאס איז דער שרש ומקור לכל שבע העבירות, ע"ד ווי מ'זעהט אין קדושה אז אנכי ולא יהי' לך איז כללות כל התורה כולה (ראה תניא פ"כ),

און דאס האבן זיי בעזאגט פארוואס איז בוכין, ווארום דער תכלית הירידה וואס עס קאן זיין איז ווען א גוי איז עובר אויף שבע מצות ב"נ, און פון די שבע מצות ב"נ איז ער עובד ע"ז, און ז' מצות ב"נ גופא די ערגסטע און נידעריקסטע, און אין עבודה זרה גופא אין א אופן פון "ומקטרים לע"ז", וואס דאס איז דאך דער היפך פון "בחד קטירא אתקטרנא" (ראה זח"ב רפח, א), וואס דערפאר מוז זיין דער בכי גדול ביותר.

איז אויף דערויף ענטפערט זיי ר"ע, אז דער ענין גופא האט עס געבראכט צום "משחק". אבער ער האט זיי ניט געזאגט אז ער קערט איבער רומי, נאר ער קוקט זיך צו וואס עס טוט זיך מיט רומי, און דערפון פארשטייט ער וואס וועט זיין מיט אידן, וואס דאס איז ניט ווי ער זאגט אין דעם צווייטן סיפור, אז "ציון שדה תחרש" גופא איז מחייב און מכריח אז עס זאל קומען "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים",



הנחת הת' בלתי מוגה

נאר עס זיינען צוויי באזונדערע זאכן: עס איז דא ווי מען פירט זיך מיט "עושי רצונו", און ווי מ'פירט זיך מיט "עוברי רצונו", און דערפון ווי מ'פירט זיך מיט "עוברי רצונו", פארשטייט ער ווי מ'וועט זיך פירן מיט "עושי רצונו", עס איז אבער ניט קיין ענין פון אתהפכא, און דערפאר קאן מען דא ניט זאגן "נחמתנו".

אבער לכאורה איז דאס גופא אויך ניט פארשטאנדיק: וואס דארף ר"ע האבן א ראי' אז דער אויבערשטער וועט טאן טוב לישראל? אז אידן זיינען "עושי רצונו", און זיי זיינען "בנים אתם לה"א", דארף מען ברייגנען א ראי' אז וויבאלד אז א גוי איז גוט, איז דערפון פארשטאנדיק אז א איד וועט אויך זיין גוט? און וויבאלד אז א גוי האט א גרויסע שטאט, און עס הערט זיך המונה של רומי ק"כ מיל, איז דערפון פארשטאנדיק אז בא אידן וועט זיין נאך א גרעסערע שטאט, און עס וועט זיך הערן המונה אויף נאך מערער מיל, וואס לכאו' - וואס ווערט א איד אזוי נהפעל דערפון בכלל?

און דער עיקר איז, אז מ'דארף אויף דערויף ניט ברייגנען א ראי' ממקום אחד, ווארום דאס איז דאך א בפירוש'ער פסוק: "אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה וגו'" (בחוקותי כו, ג-ד), ווי ער זאגט בנוגע צו ירושלים בפרט "וראמה וישבה תחתי'" (זכרי' יד, י), ווי ער דערציילט אין מדרש ווי ירושלים וועט דעמולט אויסזעהן, שלא בערך צו רומי, וואס דאס איז א פסוק אין תנ"ך, און ב'דארף ניט אנקומען צו א ראי' פון "עוברי רצונו", ווי האט אויסגעזעהן אין זמן פון ר"ע?

וואס אויב דער הכרח וואלט געווען אין פסוק אין תנ"ך האט דאס אויך געוואוסט ר"ג וראב"ע און ר"י בן חנניא, און עס איז ביי זיי ניט געווען קיין הידוש, און אז עס איז ניטא קיין חידוש רופט עס ניט ארויס קיין שחוק און ניט קיין בכי, ווארום דאס קומט נאר פון א אומגעריכטער זאך,

וואס דערפאר איז דאס וואס עס שטייט "ורחבה ונסבה למעלה" (יחזקאל מא, ז) אז ירושלים וועט זיין שמונה עשרה מיל אדער נאך מערער (ווי די גמ' אין ב"ב (עה, ב) און מדרשים (ראה ספרי דברים א, א. שהש"ר פ"ז, יו"ד. תנחומא צו, יב. ועוד) העכער אויס אלע פרטים בזה), איז ניט דאס האט זיי דערנומען, דאס האבן זיי אויך געוואוסט. אבער עס וועט דאך דארפן דורכגיין אזוי פיל יאהרן ביז עס וועט זיין לעושי רצונו כך וכך, אבער דערווייל איז "משתחווים לעצבים ומקטרים לע"ז" אזוי, און "כיה הדום רגלי אלקינו שרוף באש",

מכא"כ ר"ע האט גע'טענה'ט, אז עס האט קיין ארט ניט אין סו"ד די הנהגה מיט עוברי רצונו, ווארום ע"פ סו"ד איז אמת טאקע: עס דארף זיין גלינו מארצנו, אבער בשעת ס'איז דא אזוינע גוים וואס זיינען "מקטרים לע"ז", און עובר אויף שבע מצות ב"נ, איז דאך מכ"ש וק"ו אז זיי האבן געדארפט האבן קיין מציאות בעולם, אלא וואס דען, עס דארף זיין גלינו מארצנו - קאן דאס זיין דורך גוים וואס וועלן מקיים זיין שבע מצות ב"נ; אדער לכה"פ עובר זיין אויף ששה מצות און ניט אויף מצות ע"ז; עובר זיין אויף ע"ז אבער לכה"פ ניט אויף קטורת (אויב מ'קאן מחלק זיין אין ע"ז גופא די פרטים בדבר)?

און דאס האט ר"ע גע'טענה'ט, אז ער זעהט אז "לעוברי רצונו כך" איז אין א אופן פון א הנהגה <u>למע' ממדידה והגבלה</u>, וואס לכאו' ע"פ

תורה קאן מען מאנען דאס וואס עס קומט ע"פ דין, און ע"פ דין איז מדתו של הקב"ה מדה כנגד מדה (ראה סוטה ח, ב), און לויט דעם עמלים בתורה (ספרא ורש"י בחוקותי שם) איז אויף אזוי פיל איז דא דער "גשמיכם בעתם",

אבער דעמולט ווערט קאלאמוטנע אויפ׳ן הארץ, עס ווערט ניט גוט, ווארום אויב מדתו של הקב"ה איז מדה כנגד מדה, איז אפילו אז ער איז א צדיק גמור עובר ה׳ באהבה בתענוגים, איז אעפ"כ איז "יש מי שאוהב" (ראה תניא פל"ה), איז ווי ווער וועט ער צוקומען צו מדתו של הקב"ה וואס ער איז אמיתית בל"ג? און ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק (סי׳ ח), אז לכאו׳ איז דערפאר וואס ער טוט מצות הצדקה און איז משפיע חיי עוה"ז דארף מען עס געבן חיי עוה"ב, אבער ווי קומט ער צו אוא"ס שלמע׳ ממדידה והגבלה?

איז אמת טאקע: "וראמה וישבה תחתי׳", און ירושלים וועט זיין שמונה עשר מיל און וועט מוסיף זיין "אלף טפף גינוואות, אלף קפל מגדלים" (ב"ב שם)מיט די אלע פרטים ווי מ׳רעכענט אוים, אבער אלץ אנגעמאסטן - אכצן איז ניט ניינצן; און טויזנט איז ניט טויזנט און איינס, און דאס איז ניט געענוג פאר א אידן, א איד טענה׳ט אז ער איז בנו של הקב"ה, און "ברא כרעא דאבוה" (יונת אלם רפ"ב, וראה תוד"ה מקמי - יבמות ג, א. רש"י כתובות צב, א - ד"ה כבעל) און אזוי ווי דער אויבערשטער איז בל"ג, וויל א איד אויך האבן בל"ג,

פרעגט מען עס: האסט מיט וואס צו מאנען? מאנען מיט מדתו של הקב"ה מדה כנגד מדה, ד.ה. אנגעמאסטענע זאכן, דאס איז א מדה און דאס איז א מדה, איז בזמן שביהמ"ק הי׳ קיים איז אזוי געווען די הנהגה, דעמולט איז אלץ געווען בגלוי ( ווי ער זאגט אין אגה"ת (פ"ט) עובר געווען (ר"ל) אויף כדת - האט <u>בפו"מ</u> געפעלט אין שנים; ניט מקיים געווען א מצוה - האט מען גלייך געזעהן מתן שכרה בצדה),

אבער בשעת עס איז געווארן דער גלות איז "אין בידינו לא משלות הרשעים ואף לא מיסורי הצדיקים" (אבות פ"ד מ"ט) ווי ער איז מבאר באדוכה אין אגה"ת (שם) עס איז געווארן א הנהגה ניט אין א אופן פון מדידה והגבלה, און ניט אלע ענינים זיינען בגלוי,

נאר מ׳האט ניט געוואוסט וואו ווייט דאס דערגרייכט, ווארום אין בל"ג גופא איז דאך אויך דא נאך העכער, ווי ער זאגט אין מאמר (ד"ה באתי לגני) העלם אחר העלם עד אין קץ, בשעת ער האט אבער דערזעהן אז דאס איז "יודע את רבונו ומכוון למרוד בו", וכאמור לעיל, אז אין די שבע מצות איז מען עובר אפילו אויף ע"ז, און אין ע"ז גופא איז די עבודה אין א אופן פון קטורת, וואס דאס בינדט צו, ע"ד (להבדיל) ווי דער קטורת פון קדושה, און צוזאמען דערמיט האט מען המונה של רומי, וואס בא זיי איז תופס מקום דאס וואס עס איז א גרויסער שטורעם מיט א גרויסע שטאט, און קולה נשמע מאה ועשרים מיל,

איז דעדפון האט ער פארשטאנען אז לעושי רצונו וועט מען זיכער געבן א ענין וואס איז בא זיי תופס מקום און וואס וועט בא זיי זיין שלא בערך, און ניט דערפאר וואס דאס איז מדה כנגד מדה, נאר א ענין וואס איז שלא בערך, ומכ"ש וק"ו פון עוברי רצונו,

איי איז דאך די קשיא, עס קומט צו גייך בי"ד של מעלה און זאגט "מדתו של הקב"ה מדה כנגד מדה", ער האט ניט געהארעוועט אויף אזוי

פיל אז מ׳זאל עס געבן עצמות א"ס (און ס׳איז גענוג וואס מ׳וועט עס געבן חיי עוה"ב תמורת וואס ער גיט צדקה און איז משפיע חיי עוה"ז, ווי די קשיא אין אגה"ק?

ענטפערט מען אויף דעם: "לעוברי רצונו" הארט דיר ניט, איז "לעושי רצונו" דארף דאך זיין עאכו"כ.

דאס איז אבער ניט אז מ׳איז מהפך המונה של רומי און דערפון מאכט מען אויף טוב לישראל, דערצו האט א איד קיין תאוה ניט, און ניט אין דערויף קאכט עד זיך, ס׳איז ק"כ מאל - זאל זיין קכ"א מיל, אין וואס קאכט זיך יע א איד, אז פונקט אזוי ווי לעוברי רצונו האט מען געגעבן אין וואס זיי קאכן זיך, אזוי דארף מען געבן עושי רצונו, אין וואס זיי קאכן זיך.

און דאס האט ר"ע געוואוסט נאר ווען ס׳איז געווען "מהלכין בדרך", ווארום כ"ז מ׳געפינט זיך בא זיך אין דער הייס הערט מען ניט קיין ע"ז, בא זיך אין דער היים איז מען דאך בעה"ב, איז ווי קומט אהין-צו ארייך א ענין וואס איז איינגאנצן היפך פון אידישקייט, בשעת ער גייט אבער ארויס מביתו און ער גייט בדרך, און די וועג גייט אין די ריכ-טונג צו רומי, און ער גייט בשליחותו של הקב"ה אויף מקבץ זיין נדחי ישראל, וואס דאס איז די ניצוצות קדושה וואס זיינען נדחה געווארן, אדער אין א אופן פון "אובדים בארץ אשור" אדער "והנדחים בארמ"צ", איז דעמולט גייט ער אויף הערן וואו געפינט זיך א ניצוץ קדושה וואס שרייט און וויל זיך מתדבק זיין צוריק במקורו.

איי איז דאך די קשיא, אז ער הערט יענעמס א געשריי דארף ער דאך מפסיק זיין מת"ת וממס"נ שלו? איז דאך דאס ווי דער רבי דער נשיא האט דערציילט (ראה לקו"ד ח"א ע׳ מה) אויף דעם אלטן רבי׳ן, אז בא עם איז געווען א מס"נ אפרייסן זיך פון יחו"ע, פון דער עבודה פון עמך לא חפצתי בארץ, כדי צו טאן א טובה בגשמיות א אידענע אין עק שטעטל.

וואס בשעת מ׳געפינט זיך אין גלות, און מ׳האלט בא פארענדיקן מסכת סנהדרין מיט מסכת מכות (וואס דאס קומט גלייך נאך דעם און איז דער סיום פון מס׳ סנהדרין), איז דא דער קישור צווישן די התחלה מיט דעם סיום, וואס תחלת המסכת איז דער ענין פון "ואשיבה שופטיך כבראשונה", איז כדי אז דאס זאל מקויים ווערן איז "וכבר הי׳ ר"ג וראב"ע ור"י ור"ע מהלכין בדרך",

וואס מפרשים (ראה חדא"ג מהרש"א שם) מאטערן זיך: ווי פאסט דא "וכבר"? נאר גלייך ווי א נשמה קומט אראפ למטה איז לא ירדה לתקן את עצמה, ווארום זי איז שוין מתוקן לעצמה, און דאס וואס ירדה איז כדי לתקן את הגוף ונפה"ב,

בשעת ר"ג איז געווארן א נשיא, און ראב"ע און ר״י בן חנניא ור"ע האבן געהאט זייערע ענינים אין עבודה, איז דאס גלייך געווארן "וכבר היו מהלכין בדרך", ע"ד ווי "ומשה הי׳ רועה" (שמות ג, א) זאגט ער אין מדרש (שמו"ר פ"ב, ד) "הי׳" אז גלייך משנברא איז ער נברא געווארן אויף צו זיין א רועה, "וכבר" - נאך איידער די נשמה איז אראפ למטה איז די שוין געווען "מהלך בדרך", ווארום עס איז געווען דער אופן העבודה ווי דאס איז לאחר החורבן,

און אין וואס פאר א אופן זיינען זיי "מהלכין בדרך", איז אמת

טאקע: אז עס זיינען דא ת"ח ביחד מוז זיין מדבריך בד"ת, אבער דאס איז דאך אין צייט פון גלות, איז דעמולט איז ווי ירמיהו האט גע׳טענה׳ט מיט ברוך בן נרי׳ (ראה ירמי׳ פרק מה), וואס דאגה׳סט דו וועגן נבואה, בשעת דער ביהמ"ק איז שרוף באש, וואס ירמיהו האט געוואוסט וואס נבואה איז, איז במילא האט ער געדארפט מיטפילן און נאכגעבן און מצטער זיין, פארוואס ברוך בן נרי׳ ווערט ניט קיין נביא, ואעפ"כ האט ירמי׳ צו אים גע׳טענה׳ט, אז "הדום בית אלקינו שרוף באש", און ער טראכט וועגן נבואה,

און דאס איז "וכבר הי׳ מהלכין בדרך": גלייך מלכתחלה איז מען אוועקגעגאנגען אין וועג אויף דערהערן וואו געפינט זיך א אידישער ניצוץ קדושה וואס ער שרייט,

און מ׳האט דערזעהן אז המונה של רומי פארטומלט די וועלט, און עס הערט זיך ניט אן די קדושה, און דערנאך איז "היו בוכין", ווארום עס זיינען דא ניצוצות קדושה

- וואס אויב עס וואלט ניט געווען קיין ניצוצות קדושה בדרך וואלט מען זיי אהינצו ניט געשיקט, און ווי דער רבי האט איבער געזאגט תורת הבעש"ט עה"פ "מד׳ מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ", אז בשעת מ׳קומט אויף אן ארט האט מען די בחירה וואס צו טאן, אבער "מד׳ מצעדי גבר כוננו", די השגחה העליונה פירט עם אין דעם ארט צוליב א געוויסע תכלית, איז דאס וואס מ׳פירט זיי ("מהלכין בדרך") איז בא זיי געווען א דבר ברור אז דאס איז ווייל זיי דארפן דארט אויפטאן, ווארום לימוד התורה - וואלטן זיי געקאנט לערנען בשלום ובשלוה (אן בלבולים פון טלטול הדרך) אין א"י, ניט אויף׳ן וועג קיין רומי -

אבער דאס איז אויך אזוי פיל פארטרונקען אז מער ווי המונה של רומי האט מען ניט געהערט, וואס דאס איז דער מטה מטה ביותר, ניט סתם ע"ז - נאר "מקטרים לע"ז", איז דאס וואס איז נופל למטה יותר איז דאס א סימן (ווי דער משל פון אבן הנופל מן החומה), אז דארט איז דא ניצוצות קדושה גדולים ביותר,

איז לכאורה האט זיך דאך געדארפט אנהערן דער שטורעם פון די ניצוצות קדושה, ואעפ"כ הערט מען נאר המונה של רומי. און דאס איז וואס זיי זאגן אז "בית הדום רגלי אלקינו שרוף באש": אין בית המקדש איז דאך דא דער "השמים כסאי, והארץ הדום רגלי" (ישעי׳ סו, א), וואס ביידע ענינים באווייזן דאך אויף השפלת השכינה דא למטה: "השמים כסאי" (כפשוטו) איז, אז דער אויבערשטער האט זיך אראפגעלאזן צו שמים, און דערנאך (נאך נידעריקער) אין "הארץ הדום רגלי", און פון דעם "הדום רגלי" דארף מען מאכן א ביהמ"ק ("בית הדום רגלי אלקינו"),

און דא זעהט מען אז "בית הדום רגלי אלקינו שרוף באש", דאס איז פארברענט מיט דעם אש פון רומי, וואס הציתו אש (ראה תענית כט, א) בביהמ"ק כפשוטו, און אזוי איז דאס אויך בנוגע צו דעם ענין, איז "והאיך לא נבכה" - ווי קאן זיין אז דאס זאל ניט מאכן קיין שטורעם? עס איז דאך היפך השליחות! מ׳שיקט אונז מען זאל מברר זיין ניצוצות קדושה, דאדף מען דאך וויסן וואו זיי געפינען זיך, אבער דא זעהט מען אז די ניצוצות קדושה זיינען "שרוף באש", תמורת וואס דער ניצוץ דארף זיך מתאחד זיין מיט דער אבוקה דקדושה, האט ער זיך מתאחד געווען (כביכול) און נשרף געווארן אין דעם אש פון רומי,

וואס בכלל איז ווי קאן זיין א ענין פון קליפות איז דאס אלץ

ביז "קרו לי אלקא דאלקיא", ווי די גמ׳ זאגט אין סוף מנחות (קי, א), דא איז אבער ניט "קרו לי׳ אלקא דאלקיא" נאר דאס איז א ענין פון ע"ז, און ניט א ע"ז פון שיתוף, ווארום אויב עס וואלט געווען שיתוף, וואס שיתוף הייסט שם שמים וד"א, וואלט רומי ניט פארברענט דעם ביהמ"ק, און ווי מ׳זעהט אז ס׳איז געווען אזא הנהגה בא די פריערדיקע מלכי רומי, אז זיי האבן געלאזט דעם ביהמ"ק און געוואלט האבן די ע"ז בביהמ"ק,

און דאס האבן זיי גע׳טענה׳ט, אז דאס איז ניט ווי ס׳איז געווען דער פריערדיקער מלך וואס העמיד צלם בהיכל, נאר דאס איז דער מלך וואס שרף באש, וממילא איז דאס אפילו ניט קיין שיתוף, נאר דאס איז ע"ז, און אין דערוף גופא איז דאס דער ענין הקטורת,

איז וואס האט מען זיך צו מאטערן אין וועג, און וואס וועט מען דא אויפטאן? וואס אפי׳ קליפה איז דאך לא ישנה תפקידה (ראה תניא פכ"ד), עס איז מערניט וואס זיי קענען א טעות האבן און זאגן אז זיי האבן אויך א מציאות (ווי ערקלערט בארוכה אין תניא (פכ"ב), און אין דרוש תער השכירה וכו׳), איז וואו קאן קליפה דערגרייכן - אלץ אין א אופן פון "קרו לי׳ אלקא דאלקיא", אבער ניט פארברענען דעם ביהמ"ק, וואס דאס קאן ניט א גוי,

און דא קומט דער "מהרסיך ומחרביך ממך יצאו", וואס כ"ז עס איז ניט געווען די מעשה (ראה ב"ק פב, ב) מיט דעם דבר אחר שנעץ צפרניו בחומה, האט מען זיך ניט געקאנט צורירן צום ביהמ"ק, בשעת עס איז געווען דער קצר המצע מהשתרע (ישעי׳ כח, ב. וראה יומא ט, ב), שתי פתילות בנר אחד (ראה גיטין נח, א), דאס האט געגעבן א מעגליכקייט אז דערנאך זאל א גוי קאנען פארברענען דעם ביהמ"ק. ווארום א גוי איז ניט שייך אז ער זאל משנה זיין תפקידו, עס קען נאר זיין שיתוף, עס קאן אבער ניט זיין אז ער זאל זיין מכוון למרוד בו, לולא ווען א איד מישט זיך ניט אריין.

וואס אזוי איז געווען בזמן חזקי׳ המלך, וואס בקש הקב"ה לעשותו משיח (ראה סנהדרין צד, א), איז געווען דער וואס האט געגעבן א אחיזה אויף סנחרב׳ן, וואס ער האט געדארפט זיין דער לעומת פון משיח. ועד"ז אויך בחורבן בית ראשון, ועד"ז בחורבן בית שני. וואס בחורבן בית ראשון איז געווען דער ענין פון ע"ז (ראה יומא שם), און עד"ז בחורבן בית שני איז מבואר בארוכה אז וויבאלד אז לא נתגלה עוונם איז לא נתגלה קצם (יומא שם), וואס זייער חטא איז געווען נאך טיפער.

וואס דורך דעם עון האט א גוי געקאנט מצית זיין אש בהיכל, און דער היכל זאל אפברענען, "שרוף באש", דאס איז אבער ניט אין דעם אש דלעו"ז, ווארום אש דלעו"ז קאן ניט נעמען אש דקדושה, ואדרבה: אש דקדושה איז "אש אוכלה אש", אבער בא א אידן האט מען אפגעגעבן בחירה חפשית, ביז בלי כל הגבלות.

וואס דאס האבן זיי גע׳טענה׳ט, אז דער גאנצער ענין איז ניט פארשטאנדיק, מוחין קאן דאס ניט נעמען אפי׳ שכל פון תנאים, און בשעת עס גיסט זיך אריבער די מוחין קומט דאס ארויס אין דמעות (וכמבואר אין קבלה און אין חסידות אז דמעות איז דאס וואס מוחין קאנען ניט פארנעמען, מותרי מוחין),

וואס דאס איז געווען זייער טענה: א גוי קאן ניט פארברענען

דעם ביהמ"ק, ווארום אויב ער רידט אן זיין ניצוץ וואס איז עם מחי׳ ווערט ער אויס מציאות, איז נאך וואס האט מען זיי געשיקט בדרך בשעת מ׳העדט מערניט ווי המונה של רומי, די ניצוצות קדושה הערן זיך ניט, און וואס איז געווארן מיט "הדום בית דגלי אלקינו", וואס אמת טאקע - דאס איז א ניצוץ קדושה, אבער דער ניצוץ איז נשרף געווארן באש של רומי?

און דאס האט ד"ע געענטפערט, אז אמת טאקע: עס איז ניט געקומען די צייט אויף אתהפכא, אבער דאס גיט א הבנה והשגה ווי עס וועט אויס-זעהן די גאולה, אז די גאולה וועט זיין ניט נאר לעומת הצרות וואס מ׳האט געהאט בזמה"ג, וואס כנגד זה וועט מען געבן נחמות, נאר עס וועט זיין שלא בערך,

[וואס דאס איז דער פירוש הפנימי אין דעם וואס ער זאגט אין מדרש, אז "חטאה בכפלים, לקתה בכפלים, ונחמה בכפלים". לכאורה - עס דארף דאך אזוי זיין, אז אויב "חטאה בכפלים" דארף זיין "לקתה בכפלים", איז פארוואס הייסט דאס כפלים? דאס איז דאך אזוי פיל וויפל עס איז געווען דער חטא?

נאר דער פירוש איז אז לעומת חטאה איז דאס געווען מער ווי כפלים, וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע "נחמו נחמו עמי" - די נחמה בכפלים, אז ס׳איז ניט דער פירוש אז אזוי ווי "לקתה בכפלים" מוז די נחמה אויך זיין כפלים אויף דאס מבטל זיין, ווארום דאס איז קיין חידוש ניט: אויב עס איז א נחמה מוז דאס זיין לעומת "לקתה", נאר דער חידוש איז אז לעומת "לקתה בכפלים", איז דאס כפלים אויף די כפלים.

וואס דא איז דאך כפלים ניט דער טייטש צוויי מאל אזויפיל, נאר ווי דער מדרש (שמו"ר פמ"ו, א) טייטשט אפ אויף "כפלים לתושי׳" (איוב יא, ו), אז אזוי איז געווען מערניט ווי חמשה חומשי תורה וספר יהושע (ראה נדרים כב, ב), און אזוי איז געווארן ספרי וספרא ומכילתא ואגדתא וכו׳, ביז ועלמות אין מספר (שה"ש ו, ח. וראה שהש"ר שם), א ענין פון בל"ג],

און דאס האט ד"ע געזאגט, אז אמת טאקע - איצטער הערט זיך אן דער "שרוף באש", און עס הערט זיך ניט דער געשריי פון דעם ניצוץ קדושה. נאר עס הערט זיך דער געשריי פון רומי, אבער דא זעהט מען דעם סוף, און פון וואס איז דא אפצוקווילן - פון דעם וואס מדה"ד האט אין דערויף גארניט וואס צו זאגן, ווארום "ומה לעוברי רצונו" גיט מען שלא בערך וואס זיי קאנען האבן, איז דאך "לעושי רצונו עאכו"כ". אבער "נחמתנו" קאנען זיי עם ניט זאגן, ווייל המונה של רומי איז ניט נהפך געווארן,

בשעת עס איז אבער געקומען דערנאך צום צווייטן סיפור, וואס דא האט מען אפגעטאן, וואס זיי האבן געדארפט אפטאן בדרך, ובמילא האבן זיי געקאנט עולה זיין לירושלים, ווייל מצדם איז געווען דער ענין מוכן.

- וואס דערמיט איז פארענטפערט דאס וואס מ׳געפינט בא גדולי ישראל דער ענין פון חשבון הקץ, וואס מ׳געפינט דאך דאס בא אזוינע וואס זיינען געווען בעלי דוה"ק, ביז וואנעט עס איז דאך דא א קץ וואס שטייט אין גמ׳ (סנה׳ צז, ב), וואס דארף מען האבן מערער ווי תושבע"פ, און דערנאך די קצים וואס עס איז דא אין מפרשי תנ"ך, ביז די קצים וואס מ׳האט גערעכנט אויף שנים אחרונות,

איז לכאו׳ ווי קאן מען זאגן אויף גדולי ישראל בעלי רוה"ק, אז זיי האבן געשריבן א קץ און אפגעדרוקט וכו׳ וכו׳, און דערנאך איז "ועדיין לא בא"?

דער ענין איז אבער, אז מצדם איז דעמולט ענדיגט זיך דער גלות, נאר דער דור איז נדון אחר רובו, און מ׳קאן ניט אפשאצן א אידישן בחירה חפשית. מצד דעם קץ וואס שטייט אין תשובת הרמב"ם (ראה אגרת תימן) איז לויט די הנהגה פון רמב"ם, וואס "אני ערב לו" (ראה הל׳ דעות פ"ד ה"כ), דארף זיך דעמולט ענדיקן דער "בעתה". אבער דערנאך איז געווארן ענינים וואס האבן זיך אריינגעמישט מן הצד, האט זיך פארלענגערט, "ועדיין לא בא". ועד"ז דער קץ פון רס"ג, און פון רש"י, וכו׳ וכו׳ ביז גדולי ישראל שלאחריהם, וואס מ׳רעדט אלץ פון בעלי רוה"ק,

און אזוי איז געווען דעמולט ווען "געתה פדתו" און דער ערבי האט געזאגט אז "נולד מושיען של ישראל", וואס ווי דער גוי האט ניט פארשטאנען ווי קאן זיין אז אידן זאלן ניט תשובה טאן און גלייך קומט מושיען של ישראל, א גוי האט קיין השגה ניט אין בחירה חפשית, אבער דערנאך האט מען געדאדפט אז דער דוד זאל זיין א כלי אויף דאס אויפ-נעמען, האט זיך פארלענגערט, "ועדיין לא בא", כאטש אפילו די פרה איז דעמולט געתה, איז נולד געווארן דער תינוק בא חזקי׳ בן עמיאל, און האט געלעבט אזויפיל און אזויפיל יאהרן, און ער איז שוין ניט בעולם זה וכו׳, און אזוי ווי ער האט צוגעטראפן מיט׳ן חורבן ביהמ"ק, האט ער צוגעטראפן מיט דעם צווייטן ענין אויך, ווייל דער מדרש ברייננגט דאך דאס אדאפ, און דערנאך איז "ועדיין לא בא".

און דאס איז די הסברה, אז מצדם האט זיך דער גלות פאדענדיקט. וע"ד ווי מ׳געפינט ביים עדשטן גלות, וואס דאס איז געווען ווען "אדמי אובד אבי" (תבוא כו, ה), ווען יעקב איז אוועק געגאנגען אין גלות אין חו"ל, איז דערנאך איז ער געווען מוכן מצדו אז ער קאן שוין גיין אין הר שעיר, עס איז מערניט וואס "הצאן והבקר עלות עלי" (וישלח לג, יג), אבער מצדו קאן ער שוין גיין, און ער האט זיך שוין עספדאוועט מיט עשו׳ן, ער קאן אבער אליין ניט גיין און לאזן די צאן, און אויב עס וועט זיין "ודפקום" בלייבן זיי בדרך.

ועד"ז איז דער רמב"ם קאן ניט גיין צו די גאולה, ער וויל מיט נעמען אידן מיט זיך, און עד"ז רס"ג און רש"י און גדולי ישראל עד ימינו אלו, און מצד דעדוף וואס מ׳דארף מיטנעמען אידן איז הגם אז דער קץ איז א קץ, איז אעפ"כ מישט זיך דערנאך אדיין אימיצער מיט בחירה חפשית, "יו-ען" קאן אין דעדוף גאדניט אויפטאן, און א איד קאן ד"ל קאליע מאכן, אזן קאן פארקעדט, וואס מדה טובה קאן פאריכטן חמש מאות פעמים ככה (דאה תוספתא סוטה פ"ד. הובא בתוד"ה מדובה - סוטה יא, א).

וואס דאס איז וואס מ׳זאגט אז נאך דעדוף אז א כהן לוי וישראל מיט א גד, וואס עומדים בראש כל ישראל, האבן אפגעטאן וואס זיי האבן געדארפט בדדך, און האבן געטאן מיט המונה של רומי, דער האט געוויינט אויף דעדוף און דער האט אנגעקאוואלן פון דעם, איז דעדנאך קומט "שוב פעם אחת", וואס דאס איז א באזונדער עבודה. עס איז דא איין עבודה - מבטל זיין די חטאים; און דערנאך איז דא די צווייטע עבודה - בויען א"י, בויען די גאולה, וואס דאס איז סוד מדע ועשה טוב,

און וואו איז שייכות דער "נחמתנו" - בא דער צווייטער עבודה. די ערשטע עבודה איז א עבודת פרך, עבודה קשה, אבער נאך דעם וואס מ'האט פארענטפערט און גענענדיקט דעם סיפור, האט מען זיך גלייך אום-געקערט און זיי זיינען געוועז גרייט אויף "עולין לירושלים" און בויען די גאולה, נאר מצד הדור ועניניו האט מען דערנאך געזעהן פונקט דער היפך, כמבואר לעיל בארוכה.

וואס דאס איז אויך וואס אין דעם ערשטן סיפור שטייט ניט "נחמתנו", ווארום עס איז ניט געווען דער ענין פון נחמה, עס איז ערשט געווען די עבודה פון "מהלכים בדרך", און כדי צו קאנען האלטן בא נחמה דארף מען זיך אומקערן לבית אבותינו, וואס דאס איז אין ארץ הקודש, און דעמולט הייבט זיך אן די צווייטע עבודה, פון "היו עולין לירושלים".

לכאורה - וואס קאן דערפון אפלערנען א איד כערכינו, וואס ער איז ניט אין די דרגא פון ר"ג, וראב"ע ור"י ור"ע?

איז כאמור לעיל, אז וויבאלד אז מ'האט דאס אריינגעשטעלט אין גמרא, און דאס גייט אריין אין דעם חיוב וואס דער אלטער רבי שרייבט אין הל' ת"ת (ראה פ"ב ה"י), אז יעדער איד דארף אפלערנען כל התורה כולה לכה"פ פעם אחת לגירסא, און ער רעכענט דארט אויס מכילתא ספרא ספרי און תוספתא, ועאכו"כ די ל"ו מסכתות, איז דאך זיכער אז דאס גייט אריין אין דעם שיעור - פאר יעדער אידן, און זיכער אז דאס גייט אריין אין תורה, אויף וועלכע עס שטייט (ב"ק יז, א) "גדול לימוד שמביא לידי מעשה", איז דאך א סימן אז דאס איז בא עם מביא לידי מעשה,

וואס דאס איז אויך ע"ד ווי גערעדט פריער, אז יעדער טאג זאגט מען אין שמו"ע די ברכה גואל ישראל, וואס אמת טאקע: רש"י אין מגילה (יז, ב ד"ה אתחלתא) פארענטפערט אז דאס גייט אויף א אנדער גאולה, אבער ווי דער אלטער רבי טייטשט דאס אפ אין אגה"ת (פי"א) איז אין ענין יוצא מידי פשוטו, אז בשעת עס איז דא "החזירנו בתשובה שלמה" איז דערנאך תיכף ומיד הן נגאלין, און מ'מיינט דאס די גאולה כפשוטה, נאר אויב עס איז דא ענינים וואס די וועלט טומלט אין דעם, איז לכה"פ אין זיין נשמה פרטית און זיין גאולה פרטית, קאן ער אויפטאן, און צו זיין נשמה פרטית האט ער זיך א חלק בעולם, וואס דאס איז זיין חלק בעולם פרטי, דער "רומי" בעולם וואס איז פארבונדן מיט זיין נשמה,

און אין דערויף איז דא די אלע הוראות: ניט ער דארף זיך נעמען גלייך שפארן און פרובירן איבערברעכן, נאר דער סדר איז אז די ערשטע זאך איז "מהלכין בדרך", און ער זאל ניט אוועקשיקן איינע פון זיינע כחות הנפש בדרך, נאר ער דארף גיין מיט זיין גאנצע מציאות, "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך", דערפאר וואס דאס איז א שליחות, ושלוחו של אדם כמותו: אזוי ווי דער אויבערשטער גייט אינגאנצן מיט אידן בגולה, אזוי גייען אידן אויך אינגאנצן בגולה,

און בשעת מ'גייט דעמולט בדרך, סיי דער כהן שבנפשו און דער לוי שבנפשו און דער ישראל שבנפשו און דער גר שבנפשו, דעמולט הערט ער המונה של רומי (דער קול רומי וואס איז שייכות צו עם), און דעמולט איז דא די בכי' תקיעא בליבא וחדוה תקיעא בליבא, און דערנאך בשעת ער דאווענט, ווי ער זאגט אין ספרי (דברים ל"ב. וראה תניא פל"א) "עד מיצוי הנפש", דעמולט איז "שוב פעם אחת היו עולין לירושלים", און מצדו קאן גלייך קומען משיח,

און דעמולט איז זיך מצטרף איין איד מיט א צווייטן און א דריטן און א פערטן, און דערנאך בויעט מען אויף די גאולה האמיתית והשלימה, און מ'ברייינגט אראפ משיח'ן, למטה מעשרה טפחים, בעגלא דידן, "וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי' דבר".

ט. ע"פ האמור איז מבואר אויך אין דעם סיפור שני, פארוואס פון די אלע נבואות אויף דעם ענין החורבן והגלות האט מען אויסגעקליבן דוקא דעם ענין פון "בגללכם ציון שדה תחרש", אע"פ וואס ס'איז דא אין ישעי'ס נבואות גופא וועגן די ענינים פון חורבן, ועאכו"כ אין די נביאים שלאחריו, און מ'האט אויסגעקליבן א ענין וואס איז ניט געווען אחר חורבן בית ראשון, נאר דאס איז געווען בחורבן בית שני, וכאמור לעיל, על יסוד וואס ער זאגט אין ירושלמי און אין תוספתא.

עפי"ז דארף מען נאך אבער פארשטיין: א) פארוואס האט מען גע-דארפט האבן א ראי' פון דעם וואס נתקיימה נבואותו של אורי' אז עס וועט זיין די גאולה? דאס איז דאך דער ענין פון ביאת המשיח, וואס ווי דער רמב"ם זאגט אין הלכות מלכים (פי"א, ה"א-ב), אז דער וואס זאגט ח"ו עפעס ניט אזוי איז ער כופר ניט נאר בשאר נביאים נאר ער איז כופר בתורה ובמשה רבנו?

ב) אין דעם ענין הגאולה גופא, וואס האט ער אויסגעקליבן די נבואה פון "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים"? אין ענין הגאולה איז דאך דא כמה ענינים - יבנה ביהמ"ק; יקבץ נדחי ישראל, וכו', ואדרבה: בשעת דער רמב"ם באשרייבט דעם גאנצן ענין הגאולה (שם ה"ד) ברייינגט ער כמה וכמה פרטים, און "עוד ישבו זקנים וזקנות גו'" דערמאנט ער גארניט?

. וואס אויף "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים" טייטשט אפ תוספות (אויפ'ן ארט) אז דאס מיינט מען לאחרי תחה"מ, און ברייינגט א ראי' פון דעם פסוק גופא, וואס איז מסיים "עוד ישבו גו' ואיש משענתו בידו גו'",

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז פאר דעם דארף זיין דער קיבוץ נדחי ישראל, וואס פאר דעם דארף זיין בנין ביהמ"ק, וואס פאר דעם דארף זיין ביאת משיח, ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ, וואס הוא יבנה ביהמ"ק ויקבץ נדחי ישראל, קיין אנדערער קאן דאס ניט טאן, און ערשט דערנאך וועט קומען תחה"מ,

איז אויף תחה"מ (וואס דאס איז אויך א עיקר, און ווי מ'זעהט אז דער רמב"ם רעכענט דאס אין די י"ג עיקרים) דארף מען אויך ניט האבן דעם "ואעידה לי שני עדים נאמנים", און מ'דארף אויף דערויף ניט האבן קיין ראי' אז וויבאלד אז נתקיימה נבואתו של אורי' הכהן מוז מקויים ווערן אויך נבואת זכרי', ווארום תחה"מ איז א עיקר, און תורה זו לא תהא מוחלפת?

מוז מען דאך זאגן, אז דאס איז אין תחה"מ גופא א ענין חדש, וואס דער ענין חדש איז ווי ר"ע זאגט, אז אדער עס האט געקאנט יא זיין, אדער עס האט געקאנט ניט זיין, און וואס איז מכריח אז דאס וועט יע זיין - דאס וואס נתקיימה נבואתו של אורי',

וואס לכאו' - וואס דארף איין נביא אנקומען צו א ראי' פון א

הנחת הת' בלתי מוגה

צווייטן נביא? איז ער א נביא אמת - וועט זיכער מקויים ווערן די נבואה? און מ׳געפינט ניט אז וויבאלד אז די נבואה פון איין נביא איז מקויים געווארן איז א סימן אז דער צווייטער נביא איז אויך א נביא אמת - ווארום וואס איז דער קישור ביניהם?

ובפרט נאך (ווי ר׳ עקיבא אליין זאגט) אז זיי זיינען ניט געווען צוזאמען, נאר אורי׳ איז געווען אין בית ראשון און זכרי׳ איז געווען אין בית שני, און ס׳איז ניט דער פירוש אז זיי זיינען געווען א רב ותלמיד, אדער דער איז געווען א נביא און דער איז געווען מבני הנבי-אים וכו׳, נאר ר"ע אליין טיילט דאס אפ?

איז דער ביאור בזה: דער ענין פון תחה"מ איז דאך, ווי מ׳טייטשט דאס אפ, אז נאך דערוף וועט זיין דער "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי׳ יג, ב), וועט ניט זיין דער גאנצער ענין פון העדר החיים (וואס אזוי בלייבט די הלכה (ראה בלקו"ת צו סן ג. ועוד)). וואס דאס קען זיין ווי עס איז געווען אין ג"ע קודם החטא, וואס דעמולט איז דאך ניט געווען דער ענין פון היפך החיים, ווארום דער גאנצער ענין פון מיתה איז דאך נתחדש געווארן "ביום אכלך ממנו וגו׳" (בראשית ב, יז), וואס דעמולט איז נגזרה מיתה לו ולזרעיו ביז זרע זרעיו עד סוף כל הדורות (ראה ב"ר שם), און פאר דערוף איז געווען מערניט ווי חיים אליין, איז עד"ז וועט זיין בתחה"מ,

וואס וויבאלד עס וועט ניט זיין דער ענין פון העדר החיים, איז ניט שייך אז מ׳זאל ווערן אפגעשלאפט,

דער ענין פון אפשלאפן איז א הכרח, ווי ער זאגט אין רבנו בחיי (ראה מש"כ בפי׳ עה"ת בראשית א, כח) אז תינוק מיום שנולד מתחיל להתייבש, ווארום אין דרך הטבע גייט יעדער ענין צעד אחר צעד, לאט לאט, איז וויבאלד אז אין הונדערט און צוואנציג יאהר ארום וועט אינ-גאנצן זיין דער העדר החיים, במילא הייבט זיך דאס אן מיום שנולד, אבער בשעת דאס איז חיים נצחיים (ע"ד ווי ס׳איז געווען קודם החטא, אז עס איז ניטא די גאנצע מציאות פון העדר החיים בעולם), איז ניט מוכרח אז עס זאל זיין דער ענין פון זקנים וזקנות, ווארום בקומתן נבראו (ראה ר"ה יא, א), ווי דער מדרש (ב"ר יד, ז) טייטשט אפ - "כבני עשרים שנה", וואס דאס איז בתוקף ימי הבחרות, און דערנאך איז ניטא קיין ענין של רע בעולם, ובמילא איז ניטא דער ענין פון חלישות.

דארף מען פארשטיין: אויב עס איז ניטא דער ענין פון חלישות, איז פארוואס ווערן זיי הייסן "זקנים וזקנות"? און עס איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו, אז "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים ואיש משענתו בידו"? איז אמת טאקע - דאס איז א רמז אז דאס רעדט זיך וועגן זקנים וזקנות, נאך דעם ענין פון משענת, וואס דאס איז מורה אויף תחה"מ, אבער אין מקרא יוצא מידי פשוטו, "ואיש משענתו בידו" מיינט אז מפני החלישות דארף מען זיך אנשפארן אויף א שטעקן?

איז דער ביאור בזה, ובהקדם: בשעת די גמרא ברייגנט אז "ישבו זקנים וזקנות וגו׳", איז די גמ׳ מוסיף דעם ווארט "עוד" ד.ה. אז דאס איז א חידוש דבר. אין וואס באשטייט דער חידוש אז זקנים וזקנות וועלן זיצן ברחובות ירושלים, מער ווי בא בחורים ובתולות? איז דאס מובן בפשטות, אז בשעת בחורים ובחורות געפינען זיך ברחוב איז דאס דערפאר וואס בקומתם נבראו וכו׳, גייט מען אין גאס און מען שפאצירט

וכו׳, אבער א זקן וזקנה, איז מפני החלישות איז דרכס אז מ׳לויפט ניט און מ׳שפרינגט ניט כו׳, און מ׳געפינט זיך אדער בבית, אדער קרוב לבית, אבער ניט ברחוב.

און דאס איז דער חידוש דבר, אז די גאולה וועט זיין אין א אופן אז עס וועלן זיין זקנים וזקנות, און אעפ"כ איז "ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים".

וואס דאס איז ווי ער זאגט אין מדרש (ב"ר פצ"ה, א. זח"ג צא, א. וראה שם ח"ב צט, ב) בנוגע צו תחה"מ, אז דער וואס איז געווען א בעל מום איז אזוי איז ער קם בתחייתו, און דערנאך וועט ער נתרפא ווערן. ועד"ז בנוגע צו די אלע וואס בשעת זיי האבן זיך געפעלט איז דאס געווען מיט א חסרון, איז ניט דער פירוש אז מ׳וועט אויפשטיין בקומתם לתחה"מ און האבן א פארטיגע זאך, וואדום יעמולט וועט מען ניט וויסן צי דאס איז דער צי דאס איז א אנדערער, נאר מ׳וועט זעהן בעיני בשר אז דאס איז פונקט דער וואס האט זיך געפעלט, מיט אלע זיינע מעלות, חסרונות, און יתרונות, און דערנאך וועט דער אויבערשטער באווייזן אז "ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים".

וואס לכאורה - דאס איז טאקע א עיקר אין תחה"מ, כדי אז דער שכר זאל זיין א נצחי, אבער וואס דארף מען באווייזן א איבעריקן קונץ? וויבאלד אז מ׳וויל עס זאל זיין חיים נצחיים, קאן מען דאך לכתחלה מחי׳ זיין די נשמה בגוף באופן אז דער גוף זאל זיין א בריא, און ניט אז מ׳זאל אויפשטיין בחלישות, און דערנאך וועט מען עס מאכן געזונט? ווארום די טרחא אויף מחי׳ זיין א גוף שלם איז דאך ניט קיין גרעסערע ווי מחי׳ זיין א גוף מיט די און די חסרונות ויתרונות?

נאר דאס איז ווי גערעדט פריער, אז דער אויפטו פון דעם צווייטן סיפור איז אז מ׳קערט איבער דעם ענין הפכי, און דערפון גופא מאכט מען גוט. עס איז ניט דער ענין אז מ׳האט א דבר טוב וואס ער איז דוחה דעם דבר רע, ובמילא בלייבט דאך דער רע במציאות, נאר מ׳האט עס דוחה געווען, נאר מ׳מאכט פון דעם רע גופא טוב, וואס דעמולט איז ניטא קיין מציאות פון רע בעולם, ווארום דער קטיגור איז נעשה סניגור.

וואס דאס איז אויך וואס מ׳זאגט אויף לע"ל "גם אויביו ישלים אתו (משלי טז, ז) - זה הנחש" (ירושלמי תרומות פ"ח ה"ג. ב"ר רפנ"ד), איז ניט דער פירוש אז עס וועט ניט זיין קיין נחש בעולם, נאר עס וועט זיין א נחש בעולם, און מ׳רעדט וועגן דעם נחש וואס איז "אויביו", ניט וועגן דעם נחש פון נחש הנחושת (ראה חוקת כא, ח-ט), וואס האט מרפא געווען ישראל, נאר דאס רעדט מען וועגן נחש הקדמוני, און דערנאך וועט מען באווייזן אז "ישלים אתו".

און דאס קומט אראפ ביז אין א הלכה למעשה בפועל, וואס דאס איז: במקום שבע"ת עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד שם (רמב"ם הל׳ תשובה פ"ז ה"ד). לכאורה - וואס דארף ער האבן דעם קונץ, א צ"ג וואס האט קיינמאל ניט געזינדיקט איז ער יושב ברומו של עולם?

איז דער רמב"ם אבער מבאר (שם), אז א צדיק גמור וואס האט קיינמאל ניט געזינדיקט איז בא עס ניטא דער ענין פון לפוס צערא, און נאך מערער: מיט עס איז מען ניט זיכער, ווארום ער איז ניט דורך געגאנגען די אלע נסיונות, בשעת אבער ער איז א בע"ת, וואס "סורו רע", און וועט רעדט נאך (ראה לקו"ת ואתחנן ט, ד. וראה ב"מ נט, ב. וראה לקוטי ביאורים לתניא ח"ב ע׳ ריט הערה 2) - ווי די גמ׳ (יומא פו, ב) זאגט "היכי דמי

בעל תשובה באותה אשה באותו פרק", מיט די אלע ענינים וואס עס איז געווען,

און ווי די גמ׳ זאגט אז "אותן מצעות שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר" (מנחות מד, א), וואס לכאורה - וואס דארף מען דאס האבן? דאס איז א דבר מאוס - דארף מען פארברענען די מצעות און האבן אנדערע?

איז פאר אזא וואס קאן ווייטער ניט גיין, איז דאס אויך א סדר עבודה. אבער א העכערער סדר עבודה איז "גם אויביו ישלים אתו", "בכל לבבך - בשני יצריך" (ברכות נד, א), ער האט דעם יצה"ר און איז עם מהפך. ניט ווי ער זאגט אויף דוד "ולבי חלל בקרבי - שהרגו בתענית" (ירושלמי ברכות בסופה. מגן אבות - להתשב"ץ - פ"ד מי"א), נאר ווי ער זאגט אין ירושלמי (שם) אויף אברהם אבינו "ומצאת את לבבו נאמן לפניך", ניט "הרגו בתענית", נאר ער האט פון עם געמאכט א יצ"ט, וואס דאס איז נאך א העכערע עבודה פון דוד׳ן.

וואס עס איז דא א נפק"מ לפועל צי א בע"ת איז העכער פון א צדיק צי ניט, וואס דאס איז אנטקעגען קדושין וכיו"ב,

וואס דערפאר פרעגט מען דאך א קשיא (ראה לקו"ב לתניא ח"א ע׳ שפה-ו): דער דין איז אז המקדש את האשה ע"מ שאני צדיק, אפי׳ רשע גמור מקודשת, שמא הרהר תשובה בדעתו, פרעגט מען די קשיא: דער דין איז (קידושין מח, ב) אז אויב ער איז מקדש ע"מ שאני עני ונמצא עשיר אינה מקודשת, דערפאר וואס דאס האט א חסרון אויך. איז וויבאלד אז א בע"ת איז העכער פון א צדיק, און ער איז דאך ניט קיין צדיק נאר א בע"ת, קאן זי דאך אויסגעריסן ווערן - עס איז ניט פאר איר, איז פארוואס איז זי מקודשת?

און מ׳פארענטפערט אויף דעם (וואס דאס איז דער איינציקער תירוץ וואס לייגט זיך אין שכל), אז אין לשון בנ"א טראכט מען ניט וואס איז געווען נעכטן, נאר מ׳טראכט ווי וועט זיין זיין הנהגה מיום שקדש את האשה, איז אע"פ וואס אמאל האט ער געטאן א עבירה, ובמילא שטייט ער אין א מצב פון א בע"ת, אבער אין לשון בנ"א ווערט ער אנגערופן בשם צדיק, ווארום מכאן ולהבא וועט ער מקיים זיין כל התורה כולה, און אזוי ווי אין נדרים איז הלך אחר לשון בנ"א (נדרים ל, ב), אזוי איז אויך אין קידושין - הלך אחר לשון בנ"א, און מ׳דארף וויסן וואס הייסט אין וועלט א צדיק, ע"ד ווי די גמ׳ (קידושין מט, א) זאגט ע"מ שאני שונה, איז וויבאלד אז אין וועלט הייסט "קריינא" אז ער וויים דריי פסוקים (טור אבהע"ז סי׳ לח), און א "שונה" הייסט אז ער וויים דריי משניות (חלקת מחוקק אהבה"ע שם סק"מ) וכיו"ב, איז מקודשת, ועד"ז דא: מצד דעם ענין, איז א בע"ת העכער פון א צדיק, ובמילא איז דאס בדוגמא פון עשיר ועני; אבער וויבאלד אז אין וועלט בשעת מ׳זאגט ע"מ שאני צדיק, מיינט מען אז פון איצטער אן און ווייטער וועט ער מקיים זיין כל התורה כולה, איז במילא מקודשת,

אבער לולא דעם טעם, ד.ה. ווען מ׳האט צו טאן מיט אזא פרוי וואס איהר איז דאס נוגע, איז די קידושין קיין קידושין ניט, דערפאר וואס א בע"ת איז העכער פון א צדיק.

דערנאך איז דא נאך נפק"מ׳ס בנוגע לפועל. אבער בכל אופן - דער פס"ד איז ווי געבראכט אין ראשונים און אחרונים (ראה סה"מ תש"ט ע׳ 183 ואילך בהערה. לקוטי ביאורים שם), אז "ופליגא דר׳ אבוה", און אז בע"ת זיינען העכער אפי׳ פון צדיקים גמורים.

וואס ווייבאלד אז ס'איז אזוי אין עבודה, ווערט דאס אזוי אויך אין וועלט. ווארום ווייבאלד אז אסתכל באורייתא וברא עלמא, דארף וועלט אויסזעהן ווי וועלט שטייט פריער אין תורה, און אזוי איז אויך אז ווי א איד טוט דורך זיין עבודה, אזוי מאכט ער אויף די וועלט,

און בשעת א איד שטייט אין זיין עבודה אין א אופן פון אתהפכא, אז הגם אז "ציון שדה תחרש", מאכט ער אבער דערפון אז אין דער חרישה זייט ער דארטן איין, נאר "הזורעים בדמעה", און "היו בוכין", איז דעמולט קומט דערפון ארויס דער "ברנה יקצרו", אז פון דעם "דמעה" ווערט דער "ברנה יקצרו".

וואס דערפאר איז דערנאך אז עס קומט אין שלימות השכר, וואס דאס וועט זיין אין תחה"מ פון אלף השביעי, דארף דאס אויך זיין דוקא אין אזא אופן: עס וועט זיין זקנים וזקנות, וואס לכאורה דארף דאך זיין א ענין של חלישות; און אעפ"כ וועט אזוי זיין זייער שטארקייט, אז "ישבו גו' ברחובות ירושלים",

וואס אויף דערוף איז ניטא קיין הכרח, ווארום ס'איז ניט קיין עיקר בתורה. א עיקר בתורה איז אז עס וועט זיין תחה"מ, און דערנאך אין אלף השביעי וועט זיין חיים נצחיים; ס'איז אבער ניט קיין עיקר בתורה אז עס מוזן אויפשטיין א זקן וזקנה, און עס איז ניט קיין עיקר בתורה אז דער זקן וזקנה מוזן זיצן "ברחובות ירושלים",

אבער בשעת אז "נתקיימה נבואת אוריה", וואס דאס איז ניט סתם א נבואה פון חורבן, נאר אין וואס פאר א אופן איז דער חורבן געווען ניט ווי אין בית ראשון, וואס עס איז געווען מערניט אז נבוכדנצר קעקע את התקרה, נאר ס'איז געווען ביז למטה מטה, אז עס איז געווארן אויס בנין אינגאנצן, און ווי געהערט פריער, אז עס איז געווארן כלה כל חמתו, אז עס איז מערניט געבליבן קיין עצים ואבנים, איז א סימן אז עס איז מערניט געבליבן קיין חמתו,

און אין וואס פאר א אופן איז דאס געווען - ווי אוריה הכהן האט אנגעזאגט, אז דער בנין וועט טאקע ניט בלייבן, איר זאלט זיך אבער ניט מייאש זיין, ווארום דאס איז "ציון שדה תחרש", דאס איז ניט קיין מדבר, און דאס איז ניט קיין סלע צחיח, דאס גיט מען אייך א געאקערטע פעלד, וואס די פעלד איז שוין אויסגעארבעט, און מ'וויל האבן מערניט אז מ'זאל דארטן אריינווארפן א קערנדל, און ווי אזוי דארף זיין דער קערנדל, אז ער זאל דארט נרקב ווערן בארץ, במילא וועט דערנאך זיין דער ענין פון צמיחת פירות ושבלים, במילא וועט זיין דער ענין פון קצירה,

איז בשעת ר"ע האט דערזעהן אז עס איז ניט נאר געווען ווי אין חורבן בית ראשון וואס קעקע את התקרה; עס איז ניט נאר געווען ווי אין חורבן בית שני, אז עס איז געווען סתם "עד היסוד בה"; נאר עס איז געווארן "שדה תחרש" (ווי דער מהרש"א זאגט אין שבת), וואס פון דארט קאן וואקסן זריעה, וואס דאס איז דאך א סימן אז די גאולה גייט אין א וועג אויף מהפך זיין אז פון חורבן גופא זאל זיין ברנה יקצרו,

איז דא האט ער געוואוסט, "ואעידה לי עדים נאמנים", אז תחה"מ וועט זיין אין דעם וועג, ניט אז מ'וועט אויפשטיין "בקומתם נבראו", נאר מ'וועט אויפשטיין זקנים וזקנות, און דערנאך וועלן די זקנים וזקנות זיצן אין א אופן של קביעות, וואס אין וישב אלא ל' עכבה

(ראה מגילה כא, סע"א), וואס ניט מ'וועט זיצן און קרעכצן און ליגן אויף א בעטל, נאר "ברחובות ירושלים", און אין דעם אופן וועט זיין די גאולה העתידה לבוא מיט תחה"מ שבסופו.

און אויף דערוף האט מען געענטפערט "עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו" צוויי מאל, ווארום אין די גאולה גופא קאן דאך זיין די גאולה ווי זי איז א עיקר בדת, וואס אויף דערוף דארף מען ניט האבן קיין חידוש פון ר"ע; דערנאך קאן זיין די גאולה ווי דער חידוש פון ר"ע, אין א אופן פון אתהפכא, ביז אין א אופן אז "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים",

וואס אויף דערוף דארף מען האבן "ציון שדה תחרש": כל זמן עס איז געווען דער יסוד, איז אויף א יסוד אבנים קאן מען ניט זייען. מ'קאן זייען נאר בשעת "שדה תחרש", ניט בשעת עס איז דא א בית, ניט בשעת עס איז דא די כתלים, מיט דעם יסוד, ועד"ז אויך אין רוחניות הדברים: כ"ז עס איז נאך געווען עצים ואבנים, איז נאך ניטא דער ענין פון כלה כל חמתו,

בשעת ס'איז אבער געווארן "ערו ערו עד היסוד בה", [וואס זיי האבן דאס טאקע געטאן מצד רשעות, איז דערפאר מאנט מען אז זיי זאלן האבן דערפאר זייער עונש, ע"ד ווי דער רמב"ם זאגט בנוגע צו פרעה (ראה הל' תשובה פ"ו ה"ב. שמונה פרקים פ"ח), אז אע"פ וואס עס איז געווען דער ציווי פון "ועבדום וענו אותם" אבער פרעה האט זיך געשפארט אין דערוף, האט אים געקומט דער עונש, אבער דערפון איז דערנאך געווארן "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"],

און אין וואס פאר א אופן איז דאס געווען, אז ניט עס איז געווען "ערו ערו גו'" און אזוי איז געבליבן, וואס דאס האט געמוזט זיין, ווארום דאס שטייט אין תושב"כ, אבער נאך דערוף ווי עס איז געווען דער "ערו ערו עד היסוד בה", איז ניטא קיין הכרח אז עס וועט זיין "שדה תחרש", איז במילא ניטא קיין הכרח אז עס וועט זיין עוד ישבו וגו',

אע"פ וואס עס איז געווען א נבואה אז "עוד ישבו זקנים וזקנות גו'", איז די גמ' זאגט אין שבת (נה, א), אז מעולם לא יצתה מדה טובה מפי הקב"ה וחזר בה לרעה חוץ מדבר זה, איז די גמ' מבאר פארוואס עפעס יענע נבואה, וואס פריער האט ער געזאגט אז צדיקים זאל מען ניט טשעפען, און דערנאך האט דער אויבערשטער געגעבן רשות אויף צדיקים אויך, זאגט די גמרא אז עס איז געווען דערפאר וואס הי' בידם למחות ולא מיחו, און הגם אז לפניך גלוי שאם מיחו בהם לא היו מקבלים, לפניהם מי גלוי,

זעהט מען דערפון אז אויב עס איז דא דער ענין פון הי' בידם למחות ולא מיחו, איז אפי' א נבואה לטובה איז ניט זיכער אז עס וועט מקויים ווערן, און ווען ווערט מען זיכער אז עס וועט מקויים ווערן, ווען עס איז דא א התחלה אין א מעשה בפועל,

וואס דאס איז ווי געדעדט כמה פעמים, אז מ'געפינט בא כמה נבואות אז דער אויבערשטער האט געזאגט דעם נביא ער זאל עפעס טאן א ענין בגשמי', איז דאך מבאר דער ר"ן און אנדערע ראשונים, אז בשעת מ'פאר-בינדט דאס מיט א עשי' גשמית דא למטה, האט זיך שוין אנגעהייבן דער קיום פון די נבואה, ובמילא העלפט ניט דעמולט קיינע זאכן, מוז די מקויים ווערן אינגאנצן,

ד.ה. אז דער נביא קאן זיין א נאמן, אבער דערנאך קאן זיין אז אפילו אויב דאס איז א נבואה לטוב, וואס דער רמב"ם (הל' יסודי התורה פ"י ה"ד) פסק'נט אפ אז "אינו חוזר בו", זאגט אבער די גמרא אז עס איז דא איין אויסנאם: אויב "הי' בידם למחות ולא מיחו",

וואס דאס האט ר"ע ניט געקאנט זיין זיכער, דערפאר וואס ביים בית ראשון שטייט (איכה א, ו) אז "היו שרי' כאילים", דערפאר איז "וילכו לפני רודף בלא כח", אז זיי זיינען געווען "כאילים", וואס אילים זיינען כובשים "ראש של זה בצד זנבו של זה" (שבת קיט, ב), ער וויל ניט מוחה זיין.

און דאס האט ר"ע מורא געהאט, אז וויבאלד אז בא חורבן בית ראשון איז געווען דער ענין פון יש בידם למחות ולא מיחו, כאילים, איז ווער ווייס צי עס וועט מקויים ווערן די נבואה פון זכרי', זכרי' איז געווען א נביא אמת, אבער ער האט ניט געקאנט זיין זיכער, ווייל אויף א דבר טוב קאן מען ח"ו אויך חרטה האבן, דערפאר וואס יש בידם למחות ולא מיחו,

בשעת ער האט אבער געזעהן אז עס איז מקויים געווארן די התחלת הנבואה בגשמיות, דער "ציון שדה תחרש", איך עשי', האט דאס מכריח געווען אז איצטער קאן קיין זאך ניט מונע זיין אז עס זאל ניט מקויים ווערן דער סיום פון דער נבואה גופא,

וואס דאס איז "עדים נאמנים": דער כלל אין עדות איז אז ניט די עדות ווערן פארדעכענט פאר צוויי באזונדערע ענינים, וואס איינער זאגט עדות און א צווייטער זאגט עדות, נאר ביידע צוזאמען ווערן איין מציאות, (וואס דערפאר דארף ניט שטיין ל' רבים, נאר עס קאן שטיין ל' יחיד (סוטה ב, ב)),

און דאס איז "ואעידה לי עדים נאמנים", אז נבואת אורי' וזכרי' זיינען ניט צוויי באזונדערע נבואות, נאר ישעי' האט דערפון געמאכט איין נבואה, ע"ד ווי עדות ווערן איין זאך,

און וויבאלד אז די זעלבע נבואה האט שוין אנגעהויבן מקויים ווערן דא למטה - "ציון שדה תחרש", וואס אפי' אין בית שני איז דאס אויך ניט געווען קיין הכרח, ווארום עס האט דאך געקאנט זיין "ערו ערו עד היסוד בה", און דערנאך זאל בלייבן שטיינער, ער האט אבער געזעהן אז "שדה תחרש", אז דאס ווערט א חרישה און א התחלה צו דעם "ברנה יקצרו", איז דאס מכריח אז עס וועט מקויים ווערן נבואת זכרי', און עס קאן אין דערויף ניט זיין קיין ספק.

תחה"מ - האט ער געוואוסט אז עס וועט מקויים ווערן, ער האט אבער ניט געוואוסט, צי עס וועט זיין אין א אופן אז מ'וועט אויפשטיין לכתחלה יונגע (אדער זקנים און מ'וועט ליגן אויף די בעטלאך קראנקער-הייט), צי עס וועט זיין אין א אופן פון שני הפכים: מ'וועט אויפשטיין "זקנים וזקנות", און מ'וועט זיצן "ברחובות ירושלים".

וואס דאס איז אויך דער כללות שני הסיפורים ווי זיי קומען ביחד, וואס דאס איז ע"ד ווי ישעי' האט געזאגט "ואעידה לי שנים עדים נאמנים", אז עס ווערט פון שני עדות איין זאך, וואס עס מוז זיין דוקא שני נפרדים, ווארום אויב עס איז דא מערניט ווי א עד אחד, האט



הנחת הת' בלתי מוגה

עס ניט קיין דין פון עדות, ואעפ"כ, איז בשעת עס איז דא צוויי באזונדערע גופים, און זיי זאגן די זעלבע זאך, ווערט דאס דערנאך אין תורה איין זאך,

וואס אזוי איז אויך בנוגע דיביידע נבואות: זיי זיינען געזאגט געווארן אין צוויי באזונדערע צייטן, דורך צוויי באזונדערע נביאים, אבער דערנאך האט ישעי' דערפון געמאכט "ואעידה לי", בא עס איז דאס געווארן א ענין פון עדות, אז דאס איז איין חטיבה און איין ענין, און וויבאלד עס איז שוין געווארן דער קיום ההתחלה בגשמיות דא למטה, איז ער געוועזן בטוח אז עס וועט מקויים ווערן דער סיום אויך.

וואס כאמור לעיל, קומט דערפון ארויס א הוראה ביז אין חיי יום יום. וכאמור כמה פעמים לעיל, אז דער ענין פון גאולה פרטית איז שייך בא יעדערן בעבודתו בכל יום ויום, וואס דערפאר זאגט מען אז אויב עס וועט נאר זיין "החזירנו בתשובה שלמה", זאגט מען נאך דערויף "ברוך אתה ה' גואל ישראל", און ווי גערעדט אויך אין דעם מאמר להבין ענין אוא"ס, אז דער צ"צ שרייבט אויף דעם אז יעדער תפלה איז גדולה למע', און וויבאלד אז מ'מאכט איר בשם ומל' ווערט זיך מקויים למע' אין די ענינים גשמי', נאר דאס איז סגור אין א תיבה, און בשעת עס וועט זיין די גאולה וועט מען אפגעבן יעדערן זיין קעסטל אפענערהייט, און ער וועט דערזעהן די ענינים גשמיים וואס ער האט גע'פועל'ט מיט יענע תפלה.

און אין דערויף קאן זיין צוויי אופנים ווי ער זאל בעטן אויף דער גאולה- צי ער זאל בעטן אויף דער גאולה פון "זקנים וזקנות", אויף דער גאולה פון "ציון שדה תחרש", צי ער זאל בעטן אויף דער גאולה ווי עס שטייט אין עיקרים אז עס זאל זיין תחה"מ וביאת המשיח וכו' וכו',

איז אויף דערויף די הוראה: אויב ער וועט בא זיך ניט פועל'ן דעם "ציון שדה תחרש", ווייס מען ניט אויב ער וועט צוקומען צו אתהפכא אין גאולה אויך. אויב ער וויל האבן דעם "ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים" בא זיך, אז די ענינים וואס זיינען בא עם מיט א שוואכקייט, זאלן זיי זיין "ברחובות ירושלים", דערצו דארף ער האבן די עבודה אין א אופן פון "ציון שדה תחרש", אז די ענינים וואס זיי זיינען בא עם ענינים של חורבן, זאל ער זיי מהפך זיין אז פון דארטן זאל ווערן "ברנה יקצרו".

וואס דאס איז אויך די כללות ההוראה פון שני סיפורים אלו, וואס זיי זיינען ארייינגעשטעלט געווארן אין תורה, שתורה היא מל' הוראה.

וכאמור כמה פעמים אז אע"פ וואס עס איז דא די עבודה פון חדוה תקיעא בליבא מסטרא דא, ובכי' תקיעא בליבא מסטרא דא, איז אויף ביידע דרכים דא די הוראה כללית אז עבודת ה' דארף זיין בשמחה ובטוב לבב, וכמבואר בארוכה אין ספרי מוסר און נאך מערער אין ספרי חסידות, אז אפי' מצות תשובה, וואס מצות התשובה איז דאך אין א אופן פון "הן בוכים", "הזורעים בדמעה", איז אדרבה: דאס דארף זיין בשמחה גדולה ביותר, וואס אפילו אזא (ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ז, ה"ו) וואס הי' מרוחק ונבל ומשוקץ ומתועב ומנובל ככל השמות שקראו לו חכמינו ז"ל, ווי ער איז מבאר אין תניא (פכ"ט), גיט מען עם דעם כח אז ער זאל זיין שב בתשובה שלמה לאביו שבשמים, און דעמולט ווערט ער מרוצה

בקודם החטא און נאך מערער, ביז אין א אופן וואס במקום שבע"ת עומדים אפילו צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד שם.

י. עס איז דאך דער סדר אז אין די התוועדות וואס איז פאדבונדן מיט יו"ד שבט מאכט מען א מגבית אויף "קרן תורה", פון וועלכע מ'זאל העלפן די וואס ווילן לערנען תורה לשמה, אן קיינע תכליתים של פרנסה ו"קרדום לחתוך בה" וכיו"ב, נאר זיי זאלן קאנען לערנען מתוך מנוחה ומתוך הרחבה.

וכנהוג אז יעדערער וואס וויל (דא איז דאך ניט נוהג דער ענין הפרסום והכרזה ברבים וכו' וכו') קאן אנשרייבן זיין נאמען בצירוף שם האם, להזכירם על הציון פון דעם בעל ההילולא, און ער קאן דאס אנשרייבן אדער אויף דעם צעטל, אדער אויף א באזונדער צעטל, אדער צוזאמען, אדער במזומן, אדער א טשעק, וכו', און דער עיקר - אז עס זאל זיין וכל המרבה ה"ז משובח.

און דאס איז אויך בהמשך להאמור לעיל, אז דער אלטער רבי איז מבאר בארוכה און עס איז אויך מובא בדברי חז"ל בכ"מ - אז די גאולה העתידה דארף זיין דורך שני ענינים, ווי די גמ' זאגט אין סנה' (צז, ב) אז "עושין תשובה ומיד הן נגאלין", און מ'טייטשט דערמיט אפ דאס וואס עס שטייט "<u>בשובה</u> ונחת תושעון" (ישעי' ל, טו) - "שובה" מל' תשובה. און דער צווייטער ענין איז צדקה (ראה שבת קלט, א), און ווי דער אלטער רבי איז מפרש, אז ס'איז ניט דער פשט אז מ'גיט צדקה דערפאר וואס מ'דארף געבן חומש אדער מעשר, נאר מ'גיט נאך מערער,

און ווי די הוכחה פון גמ' סנה' (צז, א) אז "אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס", איז ער דאך לכאו' פטור פון צדקה, ואעפ"כ גיט ער צדקה, איז די צדקה איז מביאה את הגאולה, דערפאר וואס דאס איז ניט צדקה וואס ער איז מחוייב מה"ת, אדער מדרבנן, אדער מצד תקנת אושא, נאר ער גיט מיט א הידור וואס עס איז דא אין צדקה, אז ער גיט אעפ"י שאינו מחוייב בה כלל, וואס דאס ברייננט אראפ די גאולה אויך אין א אופן וואס לכאו' איז אינו מחוייב בה כלל, (און ווי גערעדט פריער, אז דערפאר דארף ר"ע זוכן כמה ראיות, אז די גאולה וועט זיין באופן כזה),

~~וואס דאס איז אויך וואס אין~~ תשובה גופא איז אויך דא כמה אופנים: ס'איז דא די תשובה וואס זי איז א מ"ע מה"ת, וואס דעמולט איז ווי דער אלטער רבי (אגה"ת פ"א) ברייננגט די ראי' פון די הלכה אין חו"מ (ססי' לד) אז ס'איז גענוג קבלה טובה מכאן ולהבא, דערנאך איז אבער די דרגות אין תשובה ועלי' מדרגא לדרגא, ביז צו דער תשובה וואס אויף איהר זאגט מען אז גדולים בע"ת - אין תשובה גופא דעם העכסטן אופן אין תשובה, ביז וואנעט אז אמאל גייט דאס גארניט אריין אין כלל פון תשובה,

וואס דערפאר זאגט מען דאך (ראה אגה"ת פ"ד. ובלקוטי ביאורים ע' קיד-טז) אז עס זיינען דא אזוינע חטאים וואס אפי' תשובה אינה מועלת, און מ'איז מפרש אז דא מיינט מען תשובה ווי אלעמאל גערעדט, אבער אפי' אויף דעם חטא העלפט אויך תשובה, אויב עס וועט זיין א תשובה שלמה כמבואר בשל"ה (שער האותיות אות ב) ובכ"מ בנוגע צו עון הידוע, וואס עס שטייט אין זהר (ח"א סב, א. רי"ש סע"ב) אז תשובה העלפט ניט, און מ'פרעגט אויף דערויף די קשיא - ווי קאן דאס זיין? עס איז דאך (רמב"ם הל' תשובה ספ"ג, ע"פ הירושלמי פאה פ"א ה"א. ובז"ח ס"פ בראשית) "אין לך דבר העומד בפני התשובה", און מ'פארענטפערט אז דאס

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס עס שטייט אין חז"ל אז תשובה העלפט ניט, איז דאס דערפאר וואס דאס רעדט מען וועגן תשובה רגילה וואס תורה על הרוב תדבר,

וואס דאס איז דאך אין תשובה גופא, ובדוגמא ווי געדעדט פריער, אנטקעגן צדקה, אז ער האלט ביי "תכלה פרוטה מן הכיס" און אעפ"כ גיט ער צדקה,

וואס תורה וויל דאך אז מ'זאל איר מקיים זיין מתוך שמחה וטוב לבב, איז דער פי' אין "תכלה פרוטה מן הכיס" אז ניט ער גיט צדקה דערפאר וואס בא עם איז דא פרוטות אין כיס, נאר אפילו ווען ער רעכענט אז אפי' איין פרוטה איז אויך ניטא אין כיס, וואלט ער אויך געגעבן מיט אזא שמחה וחיות וטוב לבב, און מיט אזא גרויסען סכום ווי ער גיט איצטער, ווען דער אויבערשטער האט עם געגעבן עשירות. און ער גיט ניט נאר מעשר וחומש, נאר פונקט ווי עס וואלט געווען "תכלה פרוטה מן הכיס", וואס דעמולט קאן בן דוד קומען,

וואס דאס איז אויך בנוגע לכ"א, ובפרט בשעת עס קומט צו יום ההילולא, וואס דעמולט איז דאך די עליית בעל ההילולא מדרגא לדרגא, וואס דאס איז דאך בא יעדער יאהר-צייט פון אלע אידן, ועאכו"כ פון א נשיא בישראל, וואס "גופא בתר רישא אזיל",

איז דעמולט בשעת עס קומט צוזאמען מיט צדקה, און ער גיט די צדקה אע"פ שאינו מחוייב בה כלל, דערפאר וואס דאס איז מער ווי מעשר און אפי' מער ווי חומש כו', זאל דאס אראפברענגען די ברכה עד בלי די - גלייך,

און דערנאך זאל דאס אראפברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, און אויך אין א אופן פון עד בלי די, למע' מכל מדידה והגבלה, אפי' פון שמונה עשרה מיל וכו', און דאס זאל זיין אין א אופן פון "לעושי רצונו על אחת כמה וכמה".

יא. ס'איז דא נאך א קשיא אין דעם ענין, וואס דאס איז א קשיא וואס מ'איז גארניט רגיל בלימוד הישיבות בכגון זה, דאס איז אבער א קשיא פון א הלכה אין נגלה.

וואס דערפון וואס די גמרא טייטשט אויס דעם "ציון שדה תחרש", און דערנאך איז מען ממשיך אז "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים", איז דאך א הוכחה אז די גמרא טייטשט דעם "עוד ישבו וגו'" כפשוטו. וואס דאס איז ע"ד ווי ר"ע האט געזעהן אז ס'איז מקויים געווארן דער "ציון שדה תחרש" כפשוטו,

און בפרט נאך ע"פ הביאור האמור לעיל, אז וויבאלד אז ס'איז מקויים געווארן אין א עשי' בפועל איז דאס מכריח אז די צווייטע נבואה מוז אויך מקויים ווערן בפועל, און ניט בלייבן נאר ברוחניות, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דער "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים" איז אויך א ענין וואס אין מקרא יוצא מידי פשוטו, נוסף אויף די ענינים רוחניים שבזה.

וואס לכאורה איז דאס היפך פון דעם דין פון (תהלים מה, יד) "כל כבודה בת מלך פנימה"? מילא דאס וואס זקנים וועלן זיצן ברחובות ירושלים, איז דאס פארשטאנדיק, אבער דער אנזאג מיט דער שמחה אז זקנות וועלן זיצן אין רחובות ירושלים, איז לכאו' היפך הדין?

וואס דער תירוץ אויף דערויף איז פון א צווייטע קשיא: עס שטייט אין נבואת ירמי׳ (לג, י, יא) אז לע"ל איז "עוד ישמע גו׳ קול חתן וקול כלה", פרעגט מען אויף דערויף: מילא "קול חתן" איז פארשטאנדיק; אבער "קול כלה", איז דאך קול באשה (ראה ברכות כד, א) דער היפך פון ענין השמחה? וואס דערפאר איז דאך דא א גאנצע שקו"ט (ראה ב"ח ובית שמואל - בשו"ע אה"ע סימן ס"ב סקי"א. לקו"ש ח"ט ע׳ 332-3) - צי מעג מען זאגן "שהשמחה במעונו" אויב ס׳איז דא דער היפך פון צניעות ביי די וואס זיינען בא דער חתונה, וואס איז דאך אויך כולל דעם ענין פון "קול כלה", איז ווי קומט דער ענין פון "קול כלה"?

נאר דאס איז מובן דעדמיט וואס תוספות ברייננגט אז דאס מיינט מען די גאולה ווי זי וועט זיין לאחרי תחה"מ, וואס אנהייבן וועט זי זיך פריער, אבער ניט דאס איז געווען די ראי׳ פון ר"ע, ער האט גע-בראכט די ראי׳ ווי עס וועט אויסזעהן לאחרי תחה"מ. וואס דעמולט וועט זיין "נקבה תסובב גבר" (ירמי׳ לא, כא) ע"ד ווי ס׳איז געווען "כשמחך יצירך בגן עדן מקדם", און עס וועט זיין "גם אויביו ישלים עמו", איז דעמולט וועט זיין ניט נאר "קול חתן" נאר אויך "קול כלה".

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז דאס וואס זקנות וועלן זיצן ברחובות ירושלים צוזאמען מיט זקנים, איז דאס נאך א דיוק אין תחה"מ, אז דעמולט וועט מען ניט דארפן האבן די גאנצע באווארעניש אז דאס איז באזונדער און דאס איז באזונדער כו׳ און "כבודה בת מלך פנימה", נאר דאס איז אויך א ראי׳ אז עס וועט זיין דער ענין פון אתהפכא, פון "אויביו ישלים עמו", וואס דערפאר וועלן אויך זקנות קאנען זיצן ברחובות ירושלים.

וואס עפי"ז ווערט אבער די שאלה: פון די ענינים וואס מ׳האט גערעדט פריער איז אלץ דא הוראות בנוגע לעבודתינו במשך זמה"ג, אבער וואס איז שייכות זאגן א הוראה פון "ישבו זקנות ברחובות ירושלים" לע"ל, ווען איצטער דארף דאס ניט זיין, און דאס איז דער היפך פון "כבודה בת מלך פנימה"?

נאר דאס איז דער ענטפער, וואס עס איז דא אזוינע וואס האבן טענות פארוואס מען האט זיך לאחרונה אנגעהויבן אזויפיל אפגעבן מיט חינוך הבנות, וואס לכאורה איז דאס ניט געווען אזוי בדורות שלפנינו? ובפרט נאך אז חינוך הבנות ווי ס׳איז איצטער איז דאך פארבונדן מיט גיין מפתח ביתו ולחוץ, גיין אין א בית הספר און דערנאך קומען צודיק, וואס די אלע ענינים זענען דער היפך פון "כבודה בת מלך פנימה", און מיט דעם איז מען זיך נאך ניט מסתפק, נאר מ׳האט נאך אנגעהויבן נאך מערער אפגעבן זיך מיט עסקנות ציבורית, ניט נאר אנשים, נאר "ויבואו האנשים על הנשים", אז זיי טועהן נאך מער אויף אין דעם וויפל ס׳טועהן אויף די אנשים.

וואס לכאורה איז דאס היפך פון "כבודה בת מלך פנימה", וואדוס אפילו ווען דאס איז נשים לחוד און אנשים לחוד, איז דאך דאס אבער אויך ניט דער ענין פון צניעות, ווארום אי אפשר לעסקנות ציבורית אין א ענין פון ניט פנימה, עס מוז ערגעץ ארויסגיין לחוץ.

און מ׳זעהט דאך אז גדולי ישראל (וואס זיי האבן דאך זיכער מסורת אבותיהם בידיהם), האבן זיך אפגעגעבן און געלייגט יגיעה והשתדלות אז עס זאלן זיין בתי ספר לנערות, מיט ניט ווייניגער שטורעם ווי מ׳האט

געלייגט השתדלות אויף בתי ספר לנערים. אמת - מיט א אנדער תוכן לימודים, אבער בנוגע צו דעם שלילה פון "כבודה בת מלך פנימה", איז דאך דער גייך אין בית ספר און זיין דארטן מוז דאך זיין אין א אופן פון יציאה לחוץ, צי מ'לערנט דעם עניין צי א צווייטן עניין און אז ס'איז געווען "ותצא דינה" (וישלח לד, א) - האט דעמולט ניט געטויגט.

איז דאך דערפון א הוכחה, ע"ד ווי מ'האט גערעדט פריער בנוגע ר"ג ור"י, אז בשעת מ'זעהט אז דער דור איז מוטעה ומזידין קאן מען איבערשטעלן די קביעות חדשים, ביז וואנעט אז דאס זאס וואלט אזוי געווען יום קדוש, דארף מען קומען במקלו ובתרמילו, און "הפריז תודתך" - דערפון ווערט דער "עת לעשות לה'" (ראה ברכות סג, א. גיטין ס, ב. תמורה יד, ב), איז דאס האבן געזעהן גדולי ישראל בדור שלפנינו (וואס מיר גייען מערניט בעקבותיהם ובדרכיהם אשר הורנו), אז מען מוז לייגן די השתדלות הכי גדולה בהנוגע צו חינוך הבנות, און וויבאלד אז מצד כמה סיבות קאן מען זיך ניט פארלאזן אויף דעם חינוך וואס מען באקומט אין דעם היים, מוז מען האבן אויף דערויף בתי ספר, וואס דארטן קאן מען האבן א אנדער השגחה, מיט א אנדער לימוד, מיט א אנדער יגיעה ושקידה בזה,

ועד"ז אויך בנוגע צו עסקנות ציבורית, וואס מ'האט דאך אויך געזעהן די הוראה פון גדולי ישראל אז זיי האבן ממנה געווען און מחזק ומעודד געווען נשי ישראל אז (אמת טאקע - בדרכי צניעות, אנשים לחוד ונשים לחוד) זיי זאלן זיך עוסק זיין בצ"צ באמונה, מיט די אלע באווארעניש,

און מ'האט דאס נאך מקשר געווען מיט די גאולה וואס "בשכר נשים צדקניות שבאותו דור (של יוצאי ממצרים) נגאלו אבותינו ממצרים" (סוטה יא, ב), און עד"ז בגאולה העתידה, וואס "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות",

וואס דאס איז ניט נאר א נתינת היתר, נאר אדרבה - א ציווי אז מיט הגדרות והגבלות און זהירות ואופני צניעות זאל מען מדגיש זיין סדחה בגופו ובממונו און ביז בנשמתו אויף חינוך הבנות, ניט ווייניקער ווי אויף חינוך הבנים, כדי אויפצושטעלן דעם דור הגאולה,

און אויף דערויף גופא דארף מען האבן די אלע ארגוני נשים, זיי זאלן דאס אויפהאלטן אין א אופן פון הולך ומוסיף ואור, ואדרבה: דאס ווערט געטאן אין א אופן וואס טאקע "ישבו ברחובות", אבער דאס איז "רחובות ירושלים", ווי ירושלים קאן אויסזעהן בא יעדערן אין זיינע ד"א אפילו איצטער, וואס דאס איז דאך ווי תוספות טייטשט דאס אפ (תענית טז, א ד"ה הר) - "יראה שלם", שלימות היראה, וואס דעמולט זיינען זיי אויך מצליח,

און דאס פארענטפערט נאך א עניין: וויבאלד אז דער שכר מצוה דארף זיין מעין פון דער מצוה, איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז דער שכר וועט זיין אז "ישבו זקנים <u>וזקנות</u> ברחובות ירושלים", איז וואו איז דא דער עניין אין די עבודה במשך זמה"ג?

נאר דאס איז דער עניין וואס נשים צדקניות שבישראל זיינען מקדיש מזמנם אין א אופן פון צניעות, און אין א אופן פון שלימות היראה, ירושלים, אבער מ'טוט דאס בהרחבה - "<u>ברחובות</u> ירושלים", אין א אופן פון "ישבו" ועכבה, ניט אין א אופן פון "דעתם קלות", וואס דאס איז א אופן פון שינויים, נאר "אין ישיבה אלא עכבה", א עבודה מסודרת,

און דאס גרייט צו דער צבאות ה׳ מיט וועלכע מ׳וועט ארויסגיין בעגלא דידן לקבל פני משיח צדקנו.

יב. ס׳איז דאך אויך דא די תקנה פון דעם בעל ההילולא אז מ׳זאל לערנען די פרשה חומש מיט רש"י בכל יום, און ביום רביעי זאל מען לערנען פון רביעי ביז חמישי, איז דער יום ההילולא און דער יום שלאח"ז, רעדט זיך דארטן וועגן שירת מרים, וואס פועה זו מרים, די איז דאך געווען (שמות א, טו. וראה סוטה יא, ב) פון די וואס האבן אויפגעשטעלט דעם דור ישרים יבורך, און ווען האבן זיי דאס אנגעהויבן אויפשטעלן – דוקא ווען מרים איז געבארן געווארן, וואס (ראה יל"ש שמות רמז קסה. סדר עולם דבא נו"ן – הובא ביל"ש שם רמז קסב), די איז דאך נקראת ע"ש וואס דעמולט האט זיך אנגעהויבן דער תוקף גלות מצרים, מרירות הגלות, און נאך מערער: זי האט גע׳פועל׳ט (סוטה יב, א) אז "עמרם החזיר אשתו ודאו כל ישראל והחזירו נשותיהם", און דאס האט אויפגעשטעלט דעם דור פון "זה אלי ואנוהו",

און אין דערויף איז מען דאך אויך גלייך מדייק, אז "ותקח מרים" (בשלח טו, כ), אז זי האט גענומען א כלי, און ס׳איז ניט געווען דער ענין פון שירה בפה, אע"פ וואס ס׳איז געווען לפני מ"ת, איז לכאורה – וואס איז געווען די הגבלה? ובפרט נאך אז עס האט זיך גערעדט ווען אידן זיינען געווען בדרגת צדיקים, אין דעם מעמד ומצב וואס "מורה באצבעו ואומר זה אלי ואנוהו", ואעפ"כ האט מען דעמולט אויך געהיט צניעות,

וואס דאס באווארנט נאך א ענין: עס זיינען דא אזוינע וואס טענה׳ן אז ער קאן בישטיין דעם נסיון, און די קאןביישטיין דעם נסיון, וכו׳, איז פון דער מעשה גופא א הוכחה אז אפי׳ בשעת ס׳איז געווען א מצב פון "מורה באצבעו" אויף אלקות, איז אעפ"כ האט געדארפט זיין די הגבלה, ניט צוזאמען עם הגברים, און ניט מיט א קול, נאר "ותקח מרים גו׳ את התוף בידה", און "ותען להם מרים", ס׳איז ניט געווען דער ענין פון שירה בפה, ווי ס׳איז געווען בא משה ובנ"י, נאר ס׳איז געווען מערניט ווי "ותען גו׳",

וואס דאס איז אויך די כלי מיט וועלכע מ׳וועט דערנאך אויפנעמען דעם "ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים".

יג. אין דעם איז דא נאך א ענין וואס איז אויך מעניינא דיומא. דער בעל ההילולא האט דאך פארפלאנצט דעם ענין פון "ציון שדה תחרש" אין רוסלאנד, מדינתינו לפנים, און האט דארט ארייגעלייגט גרעינים וואס זיי זיינען דורך געגאנגען דעם אמת׳ן רקבון, און כל הפרטים וואס קאן זיין אין דעם, און אעפ"כ האבן זיי ביי געשטאנען די אלע נסיונות,

און מ׳האלט שוין בא דעם "יקצרו", נאר לפי שעה פעלט נאך דער "ברנה", א חוץ די געציילטע וואס האבן זיך ארויסגעכאפט און ווארטן בכליון עינים אז דובס (באיכות ובכמות) זאלן קומען, ובשמחה ובטוב לבב,

זאל בא זיי אויך זיין גלייך במקום שהם דער "יקצרו" וואס זיי האבן שוין, זאלן זיי האבן אויך דעם "ברנה", און דאס זאל דערנאך ברענגען דעם "יקצרו" בהרחבה ובכל הפירושים וואס ס׳איז דא אין דעם

ענין פון הרחבה, אז יצאו מן המיצר אל המרחב עם כל הפירושים שבזה, ומתוך שמחה וטוב לבב, עס זאל זיין דער "אומר לצפון תני", אז מ׳וועט אליין געבן, ובמילא דארף מען ניט האבן די אלע דרייערייי בזה וכו׳,

און עס וועט קומען דער קיבוץ גליות האמיתי ובשלימות ע"י משיח צדקנו, "וה׳ בראשם" (מיכה ב, יג).

יד. מ׳האט גערעדט פריער בנוגע צו דעם קישור פון די שני נבואות, אז עס ווערט פוןביידע נבואות א עדות אחת, און וויבאלד אז התחילו להתקיים איז כולה נאמנה, וואס דאס איז אויך דער ענין פון עדים זוממין, וואס אין עדים זוממין נהרגין עד שיזומו שניהן (מכות ה, ב), וואס דאס איז בנוגע התחלת המסכת. אזוי-איז אויך בהנוגע צו עדים נאמנים פון די נבואה, איז אז עס הייבט זיך אן די התחלה מוז דאס אינגאנצן מקויים ווערן,

וואס אזוי איז אויך בנוגע להענין האמור לעיל, אז עס איז שוין דא די וואס האבן זיך באזעצט בכפר חב"ד בארצנו הקדושה, "ארץ אשר עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", און פון זיי איז אויך דא א טייל וואס זיינען זיך עוסק אין "ציון שדה תחרש", אין חרישה און אויך זריעה כפשוטה,

זאל דאס אויך אראפברייינגען פאר זיי בקרוב ממש בתוככי כל ישראל, (ובפרט די וואס עומדים בראשם, וואס זיי האבן די ארויסגעשיקט), די נצנים וואס נראו בארץ אויך התחלת היציאה, אז דאס זאל אראפקומען, און דוקא בעגלא דידן, און ווי די גמרא זאגט "מיד הן נגאלין", זאל דאס זיין אין דעם "מיד" פון אונזער מדידה, און בחסד וברחמים ובאופן של שמחה, וואס שמחה איז דאך פורץ אלע גדרים סיי מלמטה סיי מלמעלה,

און ארויסקומען פון דארטן הם נשיהם ובניהם ובנותיהם, ווי עס שטייט בנוגע ימי צאתך מארמ"צ, אז "בנערינו ובזקנינו נלך, בבנינו ובבנותינו", ביז אפילו "פרסה" וועט מען אויך ניט לאזן דארטן, נאר ברכוש גדול יבואו הנה,

זאל דאס זיין בעגלא דידן ולמטה מעשרה טפחים, ובטוב הנראה והנגלה.

(צוה לנגן ניע זשוריצי, אבינו מלכנו.

אח"כ צוה להכריז אז די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה זאלן ניט פארגעסן אויף דעם. צוה לנגן ניגון לסיים בו את ההתועדות).

* * *